# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 21 - May 1960 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/19v2j22j

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 21(1)

**Publication Date**
1960

**Copyright Information**
Copyright 1960 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 21

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון“

אייר, ה'תש"ך — מאַי, 1960

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


י. פ.: צו דער דערשיינונג פון וו. נאַטאַנסאָנס ווערק „קולטור קוואַלן" . . 3
ד"ר חיים ראַטבלאַט: „קולטור קוואַלן" (רעצענזיע) . . . . . . . . 5
מ. ד. בראַנדשטעטער: „בליץ־געדאַנקען"—
געהערט און פאַרצייכנט פון מ. גאַטפריד . . . . . . . . . 11
בעריש וויינשטיין: „אוי, ס'ווערט טרויעריק!" (ליד) . . . . . . 12
אבא קליגער: „זיי גרויס אין דיין אַליינקייט" (עסיי) . . . . . . . 13
איידע מאַזע: „צו מיין ליד" (ליד) . . . . . . . . . . . 16
מאַטעס דייטש: „מיט קאָפּ און מיט טראָפּ" (רעצענזיעס) . . . . 17
ז. בונין: „יורדים" (ליד) . . . . . . . . . . . . . 23
מ. פערלמוטער: „סובלימירטע כראָניק" (רעצענזיע) . . . . . . . 24
פינטשע בערמאַן: „איך וואַנדער און זוך דיך", „עפּעס געדענקט זיך" (לידער) 27
נח גאָלדבערג: „אַ ווייט טיכל" (דערציילונג) . . . . . . . . 28
משה גלאַזער: לך־לך (ליד) . . . . . . . . . . . . 33
י. פרידלאַנד: „אין געראַנגל" (פּאָעמע אין רעטראָספּעקט) . . . . 34
יהושע אַלקאַן: „הייוּוענדייל" (דערציילונג) . . . . . . . . . 39
יצחק ניומאַן: דער ספר משלי (אָפּהאַנדלונג) . . . . . . . . 45
א. כראַבאָלאָווסקי: נאָטיצן פון יידישן קולטור־לעבן . . . . . . 49
א. ש. וויזעל: „דער נייער פּרעה—נאַסער" (ליד) . . . . . . . 53
וויליאַם פרידמאַן: „עם ישראל חי" (ליד) . . . . . . . . . 53
יצחקי: „מכות אייגענע און נאָענטע ענינים" . . . . . . . . . 54
א. באַביטש: „פעדער־שפּריצן" . . . . . . . . . . . . 56
ליטעראַרישע נאָטיצן — נייע ביכער און זשורנאַלן . . . . . . . 59-57
באַגריסונגען און מודעה . . . . . . . . . . . . . . . 60


---


## "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

**I. FRIEDLAND, *Editor***

רעד.־ראַט: וו. נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר:

I. FRIEDLAND

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.

מכּוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט
ווענדעט זיך צום סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY

1312 LYMAN PLACE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

108

# צו דער דערשיינונג פון וויליאַם נאַטאַנסאָנס ווערק:
# „קולטור קוואַלן“

בײם אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, ווען דער איצטיקער עמיגראַנטן־דור האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַמעריקע, איז מיט דער עמיגראַציע אויך אָנגעקומען אַהער אין לאַנד אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל פון דער אינטעליגענץ, וועלכע זײנען געווען, מעג מען זאָגן, פון די ראשונים צו שאַפן דאָ אַ באַוועגונג פאַר אַ יידיש־וועלטלעכער קולטור. עס זײנען געווען צווישן זיי אינטעלעקטואַלן מיט אַ סך וויסן און ערודיציע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט זייער אויפגאַבע צו ברענגען וויסן און נייע אידייען צו דער דאַן אומאַנטוויקלטער מאַסע. עס האָבן זיך אפילו אָנגעהויבן באַוויזן ערנסטע זשורנאַלן און צייטשריפטן.



וויליאַם נאַטאַנסאָן

אין יענע יאָרן זײנען געווען באַקאַנט אויף דער יידישער גאַס אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי: דר. מעריסאָן, דר. זאָלאָטאַראָוו, נחמן סירקין, יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי (פּראָפ. הורוויץ), פיליפּ קראַנץ, אַב. קאַהאַן א.אַ. שפּעטער אַביסל איז צוגעקומען דר. זשיטלאָווסקי. און, צווישן אָט־דער דערמאָנטער פּלעיאַדע יידישע דענקער און שרייבער האָט מען אויך דאַן געטראָפן דעם נאָמען פון אונדזער ליבן פריינט, וויליאַם נאַטאַנסאָן. מיר געדענקען נאָך די רעפעראַטן ווי אויך די דעבאַטן, וואָס נאַטאַנסאָן האָט געפירט מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי און מיט אַנדערע מיטצייטלער זײנע. זײנע קריטישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען אין די דאַמאָלסדיקע צייטשריפטן און זשורנאַלן האָבן אַרויסגערופן גרויס אָנזען, אינטערעס און פּאַרטיפונג.

ביז היינט־צו־טאָג נאָך דערשײנען זײנע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען און קריטישע עסייען אין די בעסערע זשורנאַלן, ווי: „די גאָלדענע קייט“, אין ישראל; „פרייע אַרבעטער שטימע“, „דווקא“, „שריפטן“ אין אַרגענטינע, און אַנדערע.

במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט, ווי נאַטאַנסאָן טראָגט צו צום יידישן וויסן, ליטעראַטור און קריטיק, אַ שלל מיט שאַפונגען, וואָס ווערט געשאַצט און געהאַלטן אין דעם שאַץ־קאַמער פון אונדזער ליטעראַרישן פאַרמעג.

נאַטאַנסאָן איז בכן ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידיש־ליטעראַרישער און פילאָזאָפיש דענקענדיקער וועלט. זיין גאַנצער מהות דענקען, זיין פאַרנעם און חשוב אָרט אין דער ליטעראַטור איז גוט באַקאַנט צום בעסערן יידישן לייענער.

מיר ווילן צו דער דערשײנונג פון זיין ניי ווערק ברענגען אַ פּאָר ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון זײנע געשאַפענע ווערק און קולטור אַקטיוויטעטן.

קיין אַמעריקע איז נאַטאַנסאָן געקומען ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר. צוויי יאָר האָט ער שטודירט אין אוניווערסיטעט מעדיצין. דערנאָך גייט ער איבער צום שטודיום פון פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע. ער ווערט אַרײנגעצויגן נאָכדעם אין קולטור טעטיקייטן און אָרגאַניזירט יידישע קלובן און שולן אין וועלכע ער איז געווען טעטיק אַלס לערער און לעקטאָר — בעיקר אין זיין וואוינ־

אָרט שיקאַגאָ. ער טרעט אויך אויף אין אַנדערע שטעט, מיט לעקציעס אין יידיש און ענגליש.

אין דער ליטעראַטור און פרעסע באַטייליקט ער זיך גאַנץ אינטענסיוו: ער דעביוטירט אין „פ.א.ש." מיט אַ ריי אַרטיקלען איבער „מינדערהייט און מערהייט", אַנאַרכיזם און אַגנאָסטיציזם; אויך אין דער „צוקונפט". אין 1913 דעביוטירט ער אין דר. זשיטלאָווסקיס זשורנאַל „נייע לעבן" מיט אַרטיקלען וועגן בערגסאָנען; אין דער ווילנער „יידישער וועלט", 1915 — וועגן פּרצן „אין דער ליכט פון פילאָזאָפיע" וועגן פּרצ'ס „גאָלדענע קייט" — אין „יידישער קעמפער"; וועגן „נאַציאָנאַליזם און פּאַטריאָטיזם" האָט ער געשריבן אין „טאָג". ער האָט אויך געשריבן אין די זאַמלביכער „שריפטן" און אין לואי מילערס וואָכנבלאַט „קולטור", פון וועלכער ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר. אין די ליטעראַרישע בלעטער אין ווילנע האָט ער געשריבן וועגן לייוויקס „גולם" און איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער אין דעם ענגליש־פילאָזאָפישן זשורנאַל „אָפּען קאָורט".

אין יאָר 1923 האָט ער צוזאַמען מיט זיין חבר און תלמיד, יעקב באַבינסקי, אין שיקאַגאָ, געגרינדעט די „נייע געזעלשאַפט", וועלכע האָט אַרויסגעגעבן דאָס וויכטיקסטע ווערק זיינס, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור: „קולטור און ציוויליזאַציע." דאָס איז געווען אַ סעריע פון עסייען איבער נײַ־סאָציאַליזם, אַ בוך פון 463 זייטן. פון זיינע אַנדערע שאַפונגען אין בוך־פאָרם זיינען אַרויס: „שפינאָזע און בערגסאָן—אַ פּאַראַלעל", „אינטעליגענט קונסט און קינסטלער", „די וויזיע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק", „ה. לייוויק, דער דיכטער פון אומקום און אויפקום"; „שפינאָזעס עטיק", די איינציקע איבערזעצונג פון לאַטיין אויף יידיש.

אין יאָר 1953 איז דערשינען זיין ווערק: „מענטש און קאָסמאָס", און סוף 1959 איז דערשינען דאָס ווערק „ק ו ל ט ו ר ־ ק ו ו א ל ן "—אַ זאַמלונג פון ליטעראַרישע, פילאָזאָפיש קריטישע עסייען, וואָס נעמט אַריין אין זיך וועגן ה. לייוויק, ה. רויזענבלאַט, א. לוצקי, אַנרי בערגסאָן, איינשטיין; „וועלט און גאָט", „פּראַגמאַטיזם און פּאָזיטיוויזם", „שיר השירים" (דאָס געזאַנג פון ליבע); אַלפרעד וווייטהעד א.אַ.

ווען נאַטאַנסאָן איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער זיך תיכף פאַראינטערעסירט מיט די היגע שרייבער און דיכטער, און ער איז באמת געווען אינסטרומענטאַל אין דער אָרגאַניזירונג פון די שרייבער אין ל. א., וועלכע זיינען נאָכדעם געוואָרן נאָענטע מיטאַרעטער פון דעם זשורנאַל „חשבון" און ער בתוכם, ווי איינער פון אונדזערע נאָענטסטע אנטיילנעמער, וועלכן מיר באַטראַכטן עס פאַר אַ כבוד.

ליידער איז אונדזער חשובער פריינט נאַטאַנסאָן ניט ביי זיין בעסטן געזונט. במשך די לעצטע עטלעכע חדשים איז ער נישט ביכולת ממשיך צו זיין זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען און אַקטיוויטעטן ווי ביז איצט. ווינטשן מיר אים, ער זאָל האָבן אַ רפואה שלמה און זאָל מיט זיין שטענדיקן אָפּטימיזם און עקשנות ווידער שאַפן זיינע פאַרטיפטע ווערק, און ווידער קענען מיטאַרבעטן און משפיע זיין אין אונדזער יידיש־קולטורעלער סביבה ווי פריער.

מיר שיקן איבער צו אים אונדזערע וואַרעמסטע גרוסן און אַ האַרציקן יישר־כוח.

י. פּ.

ד"ר ח. מ. ראָטבלאַט

# קולטור־קוואַלן*)

וויליאַם נאַטאַנסאָן, דער טיפער דענקער און דער אייגנאַרטיקער ליטעראַטור־קריטיקער, פאַרמאָגט אַ זייער שעפערישע אינטואיציע, וועלכע האָט באַרייכערט, פאַרטיפט און דערהויבן זיין שאַפן בכלל, בעיקר אויף דעם געביט פון ליטעראַרישער קריטיק.

אין נאַטאַנסאָנס יצירה־פּראָצעס האָבן זיך האַרמאָניש סינטעזירט זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען מיט זיין קינסטלערישער עמפינדלעכקייט; ער איז דעריבער אַ פילאָזאָף אין זיין ליטעראַרישער קריטיק, און זיין סאָציאַל־פילאָזאָפיע איז פול מיט פּאָעטיש־מיסטישע שטימונגען.

נאַטאַנסאָנס ליטעראַרישע קריטישע עסייען זיינען אייגנאַרטיק און אָריגינעל. זיי זיינען אָנגעהויכט מיט טיפע פילאָזאָפישע רעיונות און מחשבות, ווי למשל — מיט שפינאָזעס פּאַנטעאיסטישע וועלט־אַנשויאונגען, מיט קאַנטס מחשבות וועגן „קאַטעגאָרישן אימפעראַטיוו", און מיט בערגסאָנס פילאָזאָפיש־מיסטישער תפיסת עולם.

נאַטאַנסאָן גלויבט און דענקט, אַז „דער קינסטלער, מער ווי אַלע אַנדערע קולטור־שאַפער, מוז זיין אינטואיטיוו. ער מוז צוטרעטן און אויפנעמען אַלץ, מיט וואָס ער קומט שעפעריש אין באַריר, אויף אַן אינטואיטיוו, אינטים זיך באַהעפטנדיקן אופן, נאָר אין די מאָמענטן, ווען ער ווערט באַפליגלט און באַהערשט פון אַ האַרץ און נשמה אויפבליץ, וואָס ליכטיקט אויף דעם געדאַנק, קאָן ער שאַפן און איבערשאַפן רעאַליטעטן — — — נאָר אין די געהויבענע שעפערישע מאָמענטן, קאָן ער זיך אַראָפּלאָזן צו אַלע תהומען, און זיך דערהויבן צו אַלע הויכן פון דער אוניווערסאַלער דינאַמישקייט — — — דורך דער באַהעפטונג מיט דער דאָזיקער דינאַמישקייט ווערט פאַרטיפט זיין שעפערישקייט, און אַנטפּלעקט זיך צו אים די גרונטיקייטן פון דער קאָסמישער יצירה"...

נאַטאַנסאָנס אַנשויאונג וועגן דער אויפגאַבע פון ליטעראַטור־קריטיקער איז בעיקר: צו אַנטפּלעקן פאַר דעם לייענער די תהומות און שפּיציקע הויכן פון דעם קינסטלערס שעפערישער יצירה און זיין ווערק, זיי באַלייכטן אין ליכט פון פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע, צו עפענען זיינע אויגן ניט נאָר צו די עסטעטישע אייגנשאַפטן פון דעם קריטיקירטן ווערק, נאָר אויך צו זיינע סאָציאַל־עטישע, פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זיינען באַוואוסטזיניק, אָדער אונטערבאַוואוסטזיניק אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער „נשמה" פון ווערק, וועלכע אַנטפּלעקט זיך צום אינטעליגענטן לייענער, דורך דער מיטשאַף פון ליטעראַטור־קריטיקער, און מיט זיין הילף ווערט אויך דער לייענער, דער קונסט־געניסער, אַ דריטער שותף צום קינסטלערס באַשאַפן...

וויליאַם נאַטאַנסאָן איז דעריבער בעצם אַ קריטיקער־אַריינטייטשער. אין כמעט אַלע זיינע קריטישע עסייען באַמיט ער זיך צו אַנטפּלעקן פאַר דעם לייענער ניט נאָר דעם „נגלה" פון דעם קונסט־ווערט, נאָר דער עיקר זיין „נסתר", די

---

*) „קולטור־קוואַלן" — פילאָסאָפישע ליטעראַרישע עסייען — פאַרלאַג „ייד־בוך", בוענאָס איירעס, 1959.

פילאָזאָפישע און די מיסטישע תהומען, וואָס שוועבן און פלאַטערן איבער דעם ווערק, אין זיין באַהאַלטענער טיף און הויך, ווייל ער גלויבט, אַז „ס'איז וויכטיק נישט דאָס וואָס דער שאַפער האָט אין זינען געהאַט בעת ער האָט געשאַפן זיינע קינסטלערישע, פילאָזאָפישע, אָדער וויסנשאַפטלעכע וויזיעס וועגן וועלטן און רעאַליטעטן. וויכטיק איז, וואָס אַזוינע שאַפונגען מיינען פאַר יענע, וואָס קאָנען זיי אויפנעמען און וואָס קומען צו זיי מיט אַזעלכע אָדער אַנדערע כוונות. די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער באַשאַפונג באַשטייט אין די מעגלעכקייטן וואָס זי פאַרמאָגט, אַז ס'זאָל אין איר קאָנען אַריינגעטייטשט ווערן אַזעלכע באַדייטן, וואָס זאָל פירן צו דער פאַרטיפונג פון דעם מהות מענטש און פירן אים צו אַ העכערער מדרגה פון קולטור.“

דאָ אין דעם פאַראַגראַף האָט איר כמעט דעם תמצית פון נאַטאַנסאָנס „אני מאמין“ פון דער אויפגאַבע פון קריטיקער. נאָר אין ליכט פון זיין ליטע־ראַרישער קרעדאָ קאָן מען און מ'דאַרף אָפּשאַצן זיין נייע ווערק „קולטור־קוואַלן.“

נאַטאַנסאָנס נייער בוך איז כמעט הויפּטזעכלעך געווידמעט צו פילאָזאָפיש־ליטעראַרישער קריטיק: ער אַנאַליזירט לייוויקס ווערק „אין די טעג פון איוב“ אין ליכט פון גאָט־מענטש שייכות (ערשטער אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „די גאָלדענע קייט“) און מענטש־צו־מענטש שייכות (צווייטער אַרטיקל).

ביידע אַרטיקלען זיינען אַ מעטאַפיזיש־פילאָזאָפישער און סאָציאַל־פילאָ־זאָפישער פירוש צו לייוויקס ווערק. עס ווערט אויך אין זיי אַנאַליזירט די הויפּט לעגענדאַריש־טראַגישע געשטאַלט איוב, און די געשטאַלטן פון אונדזערע אָבות: אַברהם און יצחק.

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל, וואָס האָט לכתחילה רעוואָלטירט קעגן די טיפע און הויכע רעיונות, וואָס נאַטאַנסאָן האָט אַנטפּלעקט אין לייוויקס ווערק, איז געוואָרן בהדרגהדיק אַזוי פאַרכאַפּט פון זיין פילאָזאָפישער אינטערפּרעטאַציע און איז אַזוי באַאיינפלוסט געוואָרן פון איר, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אין איר אמתדיקייט, ווי זי וואָלט געווען דער איינאיינציקער פירוש צו לייוויקס ווערק, ווייל די אַרטיקלען זיינען אָנגעהויכט מיט טיף פילאָזאָפישן גלויבן, מיט דעם אינערלעכן פייער פון איבערצייגונג, מיט ערודיציע און מייסטערשאַפט. זיין פּאַטאָס פאַרכישופט און פאַרשיכורט, און דער נשמה־רעוואָלט האָט זיך בהדרגהדיק אויסגעלאָשן . . .

ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון נאַטאַנסאָנס טעזיס, אַז ס'איז ניטאָ קיין מחיצה צווישן פילאָזאָפיע, קונסט און וויסנשאַפט; זיי זיינען אַלע אַן אויסשטראַל פון שעפערישן מענטשלעכן גייסט, וואָס ציט זיין יניקה און אינספּיראַציע פון דעם „רוח אלהים“, וואָס שוועבט איבער דעם קאָסמאָס, און די אומדערשעפלעכע שאַפונגס־קראַפט פון גאָניאַלע גאָט־געבענטשטע שעפער פון אַלע געביטן פון מענטשלעכער יצירה איז בעצם אַן אייביקע מיסטעריע . . .

לייוויקס סימבאָליש ווערק: „אין די טעג פון איוב“, האָט געפונען, ווי די מקובלים וואָלטן געזאָגט, אַ תיקון, טאַקע אויך אַ פילאָזאָפישן אָנשפּאַר און אַן אחיזה אין דער אָריגינעלער נאַטאַנסאָנישער אויסטייטשונג . . .

ניט וויכטיק איז צי נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישער פירוש איז אַן אָרגאַנישער „יש“ אין לייוויקס ווערק, אָדער דאָס איז נאָר אַן אַריינטייטש, און לייוויק האָט ניט געהאַט קיין אַנונג, אין זיין יצירה־פּראָצעס פון דעם ווערק, וועגן די אַלע

טיפע און הויכע מיסטיש־פילאָזאָפישע רעיונות, וואָס נאַטאַנסאָן האָט אַנטפּלעקט „אין די טעג פון איוב.“ דער לייענער איז באַרייכערט געוואָרן און איז געוואָרן אַ שותּף צו לייוויקס יצירה און איר פילאָזאָפישער אַריינטייטש; ער איז נתעלה געוואָרן דורך דער יצירה פון געניאַלן קינסטלער לייוויק, און זיין אָריגינעלן קריטיקער...

נאַטאַנסאָנס דריי אַרטיקלען וועגן דעם „דיכטער פון פשוטן וואָרט און אַנגעלאָדענע שורות“, ה. רויזענבלאַט, זיינען אַן אָפּשאַצונג ניט פון די פשוטע, האַרציקע, שיינע און פאַרשיידנפאַרביקע פאָלקסדיכטערישע שאַפונגען פון ה. רויזענבלאַט, נאָר בעיקר פון זיינע „אָנגעלאָדענע שורות“.

אויב די אַרטיקלען וועגן לייוויקס ווערק זיינען אַ מיסטיש־פילאָזאָפישער פירוש, זיינען אָבער די פילאָזאָפישע אַרטיקלען וועגן רויזענבלאַטס „אָנגעלאָדענע שורות“ אין דער חסידישער בחינה פון „רזין דרזין“ — געטלעכע סודות, וואָס אַנטפּלעקן זיך נאָר צו יודעי חן, ד.ה. מיסטיקער...

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל האָט זייער אַ געהויבענע מיינונג וועגן דעם אָריגינעלן קריטיקער, וויליאַם נאַטאַנסאָן, און וועגן דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט, און טראָץ דעם האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז אין די דריי אַרטיקלען וועגן רויזענבלאַטס דיכטונג האָט דער קריטיקער זיך באַמיט אַריינצוטייטשן פילאָזאָפישע רעיונות און מחשבות, וואָס לאָזן זיך בשום אופן ניט אַריינטייטשן... ממילא איז דאָ פּאַסיק צו דערמאָנען דאָס תלמודישע שפּרוך־ווערטל: „תפסת מרובה לא תפסת“! דאָס הייסט, האָסט איבערגעכאַפּט דאָס מעסטל, האָסטו ניט אויפגעכאַפּט!

דאָ אָבער ווי נאַטאַנסאָן אַנאַליזירט די „פשוטע ווערטער“ פון רויזענבלאַטס דיכטונג, און איז ניט ממילא מגזם, ווערט דער לייענער פאַרכאַפּט און באַווירקט פון דער קריטישער אָפּשאַצונג וועגן רויזענבלאַטס לירישע, פאָלקסטימלעכע, פּאָעטישע יצירות. ער אַנטדעקט אין זיי אמתע פּערל פון באַחנטער, פאַרשיידנ־פאַרביקער פּאָעזיע.

נאַטאַנסאָנס צוויי גלענצענדע אַרטיקלען איבער לוצקיס דיכטונג, אין ליכט פון פילאָזאָפיע, זיינען פון גאָר אַ הויכער מדרגה. זיי לייכטן ווי טייערע דימאַנטן, וואָס באַצירן זיין בוך „קולטור־קוואַלן“. אין זיי האָט דער קריטיקער זיך דער־הויבן צו אַ שעפערישער הויך, וואָס שטייגט איבער אַלע זיינע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון ליטעראַרישער קריטיק.

אין די אָפּשאַצונגען סינטעזירן זיך האַרמאָניש נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישע רעיונות און מחשבות מיט לוצקיס אָריגינעלער דיכטונג. אין זיי איז מטושטש געוואָרן די מחיצה פון מקור און פירוש; זיי דערגאַנצן איינער דעם צווייטן. ס'איז ממש אַ דערקוויקונג פאַר דער נשמה צו לייענען די צוויי קריטיש־פילאָזאָפישע עסייען איבער לוצקיס אָרגינעלער טיפזיניקער און מוזיקאַלישער פּאָעזיע.

נאַטאַנסאָן צעגלידערט לוצקיס דיכטונג און אַנטפּלעקט איר רייכע און טיפע „נשמה“, איר פּאָעטישן מהות, איר מוזיקאַלישקייט, איר שעפערישע עלאַסטיש־קייט, איר שפּראַך־רייכקייט, איר מיסטעריעזישקייט, און דער עיקר: איר פּאַנ־טעאיסטישער תפיסת־עולם, וואָס האָט אָנגענומען אַ נייע צורה — פון „פּערזאָנאַ־טעאיסטישער“ פילאָזאָפיע.

נאַטאַנסאָנס קריטישער אַנאַליז וועגן לוצקיס דיכטונג איז ניט קיין אַריינ־

טייטש, וואָס האָט ניט קיין אַנשפּאַר אין לוצקיס פּאָעטישער יצירה. ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן אין די ראַמען פון מקור, און האָט אַנטפּלעקט אין אים שפּיציקע הויכן און תהומדיקן טיף, וואָס אפילו דער סאַמע אינטעליגענטער לייענער איז ניט בכוח צו אַנטפּלעקן. נאָר דאָס שאַרפע און געניטע אויג פון שעפערישן קריטיקער קען זיי דערזען...

נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישע און עסטעטישע אָפּשאַצונג וועגן לוצקיס דיכטונג איז אַ מוסטער פון העכערער קריטיק, וואָס האָט כמעט ניט קיין ביישפּיל אין אונדזער קריטיק.

נאַטאַנסאָן דערהייבט דעם לייענער מיט זיין טיף און אָריגינעל־פילאָזאָפישן אויסטייטש און אַריינטייטש פון לוצקיס פּאָעטישער יצירה. ער לערנט אים אַ זייער חשובע לעקציע, אַז דורך דעם אַריינקוק און אַריינדרינג אין די שפּיציקע הויכן און תהומדיקע טיפן פון אַ גרויס און אָריגינעל קונסטווערק ווערט אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן שאַפער און געניסער. ער ווערט דורך זיי אַ מיטשאַפער און ממילא אַ שותף אין דעם יצירה־פּראָצעס פון קינסטלער, און דאָס איז אַ גאָר הויכע מדרגה, וואָס יעדער אינטעליגענטער קונסט־געניסער דאַרף שטרעבן, און טאָקע שווער אַרבעטן איבער זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, זי צו דערגרייכן.

לייענען פּאָעזיע בכלל, און לוצקיס פּאָעזיע בפרט, איז ניט קיין צייט־פאַרטרייב, אָדער נאָר אַ מיטל זיך צו פאַרווילן און זיך פאַרגעסן, און אפילו ניט נאָר אַן עסטעטישער גענוס, נאָר בעיקר אַ גייסטיקער אַקט פון נשמהדיקער דערהייבונג און פאַרטיפונג.

נאַטאַנסאָנס טיפע און זייער אינהאַלטסרייכע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם גרויסן, אָריגינעלן און געניאַל־שעפערישן וויסנשאַפטלער, דער שאַפער און באַגרינדער פון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, אַלבערט איינשטיין, איז געשריבן אין ליכט פון איינשטיינס גלויבן, אַז „די אינטואיטיווע און געדאַנקלעכע דערקענטעניש־מעגלעכקייטן וויסן ניט פון קיין אָפּשטעל און קיין גרעניץ. ער איז דעריבער ניט פאַראַן קיין שיעור צו אַלערליי אַנטפּלעקונגען און דערפינדונגען ווי: פיזישע, ביאָלאָגישע, פּסיכישע, עסטעטישע און עטישע. אָבער דער מענטש איז בלויז אַ טייל אָדער אַן אַרויסשטראַל פון קאָסמישן אַרומנעם. — — — פאַר דעם מענטש איז לכן אויסגעשלאָסן אויף אייביק די מעגלעכקייט פון אַן אַבסאָלוטער און פול־קאָמענער דערקענטעניש פון דער אַלערלעצטער רעאַליטעט. די סובסטאַנץ אָדער די עקזיסטענץ אין זיך גופא, די אומדערשעפּלעכע שאַפונגס־קראַפט פון סאַמע אָנהויב וועט בלייבן אויף אייביק אַ מיסטעריע פאַר דעם מענטשן — דעם בחיר היצורים." (קולטור־קוואַלן, ז. 287).

נאַטאַנסאָן אַנאַליזירט און שילדערט איינשטיינס פאַרשיידנפאַרביקע, געני־אַלע און האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט ניט געהאַלטן פון כלומרשטע גרעניצן: צווישן וויסנשאַפט און קונסט, צווישן פילאָזאָפיע און דיכטונג, צווישן עטיק און עסטעטיק; ווייל ער האָט געגלויבט, אַז אַלע שטראָמען פון איין קוואַל, און זיי מוזן און דאַרפן דינען איין צוועק — די דערהייבונג און פאַרברייטערונג פון דעם מין מענטש...

איר זעט באַשיינפּערלעך די גיגאַנטישע און געניאַלע געשטאַלט פון אַלבערט איינשטיין, וועלכער איז געווען אַ לייכט־טורעם ניט נאָר פאַר זיין דור, נאָר פאַר אַלע דורות. איר ווערט באַגייסטערט פון דעם פיינעם פאָרטרעט וואָס נאַטאַנסאָן

האָט מיט גרויס ליבע און יראת הרוממות, קינסטלעריש געמאָלן, פון די טיפע און דאָך איינפאַכע רעיונות, און אויך פון דער פשטות און צמצומדיקייט פון דער שפּראַך און סטיל.

די עסיי איז אַ פּאָעטיש־פילאָזאָפישער, וויסנשאַפטלעכער שיר־מזמור צו דעם געניאַלן וויסנשאַפטלער, דענקער, פאָרשער און שאַפער, אַלבערט איינשטיין, וועמענס רייכע און טיפע נשמה און האַרץ זיינען געווען אַן אויסשטראַל פון דעם „אלהי הרוחות", וואָס שוועבט איבער דער וועלט . . .

דער פובליציסטיש־פילאָזאָפישער אַרטיקל: „ישראל אין ליכט פון אייבי־קייט", איז געשריבן געוואָרן מיט פייערדיקער מיסטישער אמונה אין „דער צוויי־געשטאַלטיקייט פון איין־און־איינציקן פאָלק, וואָס האָט צום ערשטן מאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק פּראָקלאַמירט אויף אייביק און אייביק גאָטס איין־און־איינציקייט."

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל קען ניט מסכים זיין מיט דער הנחה פון צוויי־געשטאַלטיקייט פון פאָלק ישראל; זי איז ניט היסטאָריש־וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט. דער פרצוף פון יידישן פאָלק איז, לויט מיין מיינונג, איין־געשטאַלטיק, ווי גאָט איז איינער, אַ „יחיד שאין כיחודו."

אַוודאי איז נאַטאַנסאָנס הנחה, אַז דער ייד האָט זיך אויסגעלעבט קולטור־שעפעריש אין אַלע גלותן — אַ היסטאָרישער אמת, וואָס קיינער קען ניט אָפּ־פרעגן: דער ייד האָט געשאַפן אין גלות ניט נאָר דעם תלמוד בבלי, וואָס האָט אויסגעפאָרמט דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אין זיין גלות; וואָס האָט פאַרטיפט, ווי פּאַראַדאָסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, די יידישע סאָציאַל־עטישע וועלט־אנשויאונג פון תנ"ך, נייערט ער האָט געשאַפן אין גלות די יידישע פילאָזאָפיע, די קבלה, די רייכע און פאַרצווייגטע מיטלאַלטערלעכע פּאָעזיע, די פרשנות פון תנ"ך, אין אירע פאַרשיידענע שאַטירונגען; די רייכע און פאַרשיידנפאַרביקע מוסר־ליטעראַטור, די מאָדערנע העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן. די אַלע יצירות זיינען געווען אַן אויסשטראַל פון דער פייערדיקער יידישער אמונה, וואָס האָט אייביק געפלאַקערט, ווי דער סנה (דאָרן) וואָס האָט געברענט און איז ניט פאַרברענט געוואָרן, אין די טיפן פון זיין נשמה און האַרץ, און האָט אים געגעבן גייסטיקע חיונה. אָבער איצטער, ווען דער „נר־תמיד", וואָס האָט געפלאַקערט אין די יידישע הערצער, איז כמעט ווי אויסגעלאָשן, פון וואַנען וועלן מיר שעפן אונדזער יניקה און אינספּיראַציע ווייטער צו געפינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון קולטור־שעפערישקייט?

צי גלויבט אפשר נאַטאַנסאָן, אַז די רייכע, שיינע טעמפּלען, אויסגעליידיקטע פון קדושה און פייערדיקער אמונה, וואָס זיינען בעצם מער סאָציאַלע קלובן ווי בתי־תפילה, וועלן זיין דער קוואַל פון אונדזער אמתר יידישער, שעפערישער פאָלקס־יניקה ? . . .

נאַטאַנסאָן גלויבט באמונה שלמה אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק, ווייל דער ייד האָט, לויט זיין באַהויפּטונג, אין אַלע דורות געשטעלט דעם טראָפּ: „אויף צייט ניט אויף שטח", ד.ה. לאַנד. אויך די הנחה איז ניט היסטאָריש־וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט: ניט אויף צייט — אַ באַגריף וואָס איז פרעמד געווען דעם ייד, נאָר אויף אמונה אין אַן איינ־איינציקן גאָט, דער קדמון וואָס זיין גייסט האָט געשוועבט איבער דעם תהום בעפאָר ליכט איז באַשאַפן געוואָרן, און אַן ליכט איז ניטאָ קיין צייט ! . . .

נאַטאַנסאָן גלויבט, אַז „דער הויפּט־געבאָט פון יידישן פאָלק איז: קעגנ־זייטיקע יניקה און צובונד צווישן ישראל און די תפוצות.‟ ווילט זיך אים פרעגן: וואָס וועט זיין דער גייסטיקער יסוד פון דער קעגנזייטיקער יניקה און צובונד? די אויסגעליידיקטע טעמפּלען און די געלט־זאַמלונגען לטובת מדינת ישראל, וועלכע זיינען, אַגב, זייער וויכטיק, אָדער אפשר די הוירא־טענץ? ס׳גלויבט זיך קוים אין זייער ממשותדיקייט און אין זייער גייסטיקן איינפלוס!

מיר ווערן פאַרשטאַרט און פאַרפרוירן פון גלייכגילטיקייט פון די גרויסע יידישע מאַסן צו אונדזערע קולטורעלע אוצרות פון אַמאָל און איצטער; די יידישע נשמהדיקייט גוססט, און איר, חשובער פריינד נאַטאַנסאָן, שפּרעכט אָפּ אונדזערע גייסטיקע חולאתן מיט שפּרוכן פון אייביקייט.

איר אַליין באַהויפּטעט: „אַז אין ליכט פון אַ פעסטן גלויבן אין אַן אל חי וקים, האָט דאָס יידישע פאָלק זיך אַליין דערפילט ווי אַן עם חי וקים. דאָס האָט אים געגעבן מוט און גבורה צו שטרעבן און קעמפן פאַר המשך און קיום.‟ איך בין שטאַרק מסופק וואו דער פעסטער גלויבן „אין אַן אל חי וקים‟ לעבט איצטער און ווירקט, אפילו ניט אין די טעמפּלען ומכל־שכן ניט אין די הערצער פון די מאַסן! וואו איז דער יסוד צו אייער אמונה אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק?

צווישן אַלע נביאים, וואָס האָבן געחלומט וועגן דער גאולה פון יידישן פאָלק, „איז ניטאָ קיין אַנדער נביא, וואָס האָט אַזוי מדגיש געווען די נצחיות פון פאָלק ווי ירמיה. ער האָט דערהויבן דעם אייביקן קיום פון פאָלק ישראל צו אַ מדרגה פון אַ קאָסמישן געזעץ‟. (אין לך נביא אחר שהדגיש כל כך את נצחיות האומה כירמיה. הוא מעלה את קיומו התמידי של עם ישראל למדרגת חוק קוסמי).

אַזוי באַהויפּטעט ריכטיק און טרעפלעך דער באַוואוסטער געלערנטער און פאָרשער, ד״ר מאיר וואַקסמאַן, אין זיין גרונטלעכן בוך: „גלות וגאולה בספרות ישראל,‟ זייט 37. אין דער אמתדיקייט פון דער הנחה קאָן זיך יעדער איבער־צייגן פון די פּרקים ל״א און ל״ג אין ספר ירמיהו.

ירמיהס גלויבן איז אָבער ענג פאַרבונדן מיט שיבת ציון, וואָס איז פאַר אים דער העכסטער אידעאַל פון פאָלק ישראל און מיט דעם אייביקן בונד צווישן ישראל און גאָט, צווישן ישראל און זיין תורה, ניט פאַר יחידים, נאָר פאַר דעם גאַנצן פאָלק ישראל, „פון קליינע ביז גרויסע‟ (למקטנם ועד גדולם). אָבער אָן גאָט און אָן תורה האָט די אמונה פון אייביקייט קיין אַנהאַלט ניט... לייענט ירמיה, קאַפּיטל ל״א, פון פּסוק ל״א ביז ל״ז, און איר וועט זעען די אמתדיקייט פון דער הנחה.

דער ריין פילאָזאָפישער אַרטיקל: „פּראַגמאַטיזם ווי אַ פאַרגייער פון לאָגישן פּאָזיטיוויזם‟ איז אַ גאַר ערנסטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער פילאָזאָפישער שיטה „פּראַגמאַטיזם‟ וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דעם אַמעריקאַנעם פּראַקטישן קוק אויפן לעבן, וואָס האָט באַהערשט אפילו אַזעלכע גייסטיקע ריזן ווי: וויליאַם דזשיימס, דער פאָטער פון פּראַגמאַטיזם, און דעם אָריגינעלן פילאָזאָף און פּראָ־גרעסיווער דערציער, דער שאַפער פון דער באַוועגונג „פּראָגרעסיווע דערציאונג‟ דזשאָן דיואי, איז, ווי אונדז דאַכט זיך, נאָר אַ פּראַגמענט פון אַ גרעסערער אָפּ־האַנדלונג וועגן פּראַגמאַטיזם, און דאָך גיט זי דעם לייענער אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער דערקענטעניש טעאָריע פון דער פילאָזאָפישער שיטה, וועגן איר

שטעלונג צו מעטאַפיזישע פּראָבלעמען בכלל, און צו רעליגיע בפרט. נאַטאַנסאָן ברענגט אַרויס אירע אָריגינעלע אנשויאונגען און אויך איר יניקה פון אַנדערע פילאָזאָפישע שיטות.

די פראַגמענטאַרישקייט פון דעם אַרטיקל האָט גורם געווען, אַז ס'זיינען ניט באַלויכטן געוואָרן אין אים אַנדערע וויכטיקע ענינים פון דער פּראַגמאַטיס־טישער פילאָזאָפישער שיטה. דער ערנסטער לייענער וועט אָבער אָנגערעגט צו דענקען און זיך פאַרטיפן אין אַן אָריגינעלער אַמעריקאַנער פילאָזאָפישער שיטה.

דער לעצטער אַרטיקל וועגן דעם קלאַסישן ליבע־ליד פון תנ"ך: „שיר השירים", איז אַ פּראַכטפולע פילאָזאָפיש־פּאָעטישע עסיי וועגן אַ געזאַנג, וואָס איז געווען און וועט תמיד זיין, ווי דער תנא רבי עקיבא האָט זיך אויסגעדרוקט: „קודש קדשים", דאָס געזאַנג פון די סאַמע הייליקסטע מענטשלעכע געפילן, ווייל זי האָט סובלימירט תאווהדיקע אינסטינקטן צו אַ ניווא פון קדושה און רוחניות, זיי פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט עסטעטישן געַנוס פון דער נאַטור, וועלכער איז געַנערט פון ליבע־דורשט... אין שיר־השירים שוועבט דער „רוח אלהים" איבער דעם חיהשן מין מענטש און פאַרוואַנדלט אים אין אַ העכערן טיפּ מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרם און געשטאַלט.

איך וויל אָפּשליסן מיין איבערבליק איבער נאַטאַנסאָנס נייען בוך „קולטור קוואַלן" מיט אייניקע ווערטער וועגן דעם ערשטן ריין פילאָזאָפישן אַרטיקל פון בוך: „אַלפרעד וואַיטהעדס קולטור־סינטעז."

ווער ס'וויל קריגן אַ באַגריף וועגן נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישע אנשויאונגען איבער: קולטור און ציוויליזאַציע, פילאָזאָפיע און רעליגיע, עטיק און עסטעטיק און די שייכותן צווישן זיי, זאָל זיך פאַרטיפן אין דעם אַרטיקל און טאַקע אים לייענען אייניקע מאָל. וועט ער דאָרטן געפינען ניט נאָר אַ טיפן און ערנסטן אַנאַליז וועגן וואַיטהעדס וועלט־אַנשויאונגען, נאָר אויך אַ זעלבסט־פּאָרטרעט פון נאַטאַנסאָנען דעם אָריגינעלן דענקער און קריטיקער, וועלכער אידענטיפי־צירט זיך מיט וואַיטהעדס אַנשויאונגען; וועלכער האָט מיט זיינע וואָגיקע און וויכטיקע ווערק באַרייכערט און פאַרטיפט אונדזער קולטור, און האָט, צוזאַמען מיט אַ קליינע צאָל אַנדערע יידישע דענקער און ליטעראַטור־קריטיקער, אַרויפ־געפירט די יידישע ליטעראַטור אויפן פילאָזאָפישן שליאַך און איר געגעבן אַן אַנהאַלט אין די העכערע ספערן פון מענטשלעכן געדאַנק.

וועגן זיין בוך „קולטור קוואַלן" קאָן מען זאָגן: וואויל איז דעם שאַפער, וואָס זיין יצירה־קוואַל איז ניט פאַרטרוקנט געוואָרן אין די עלטערע יאָרן און זיין זיקנה האָט ניט פאַרשעמט זיינע יוגנטלעכע יאָרן...

## ב ל י ץ - ג ע ד אַ נ ק ע ן

געהערט פון מ. ד. בראַנדשטעטער

ס'ל ע ב ן — אַ קייט פון חרטה: חרטה אויפן עבר; פּחד פאַרן עתיד.

ל י ב ע — חלומות, וואָס מ'וויל זיך דערפון נישט קורירן.

נ י ש ט צ ו ל י ב ן — ווערט מען אויס מענטש.

פאַרצייכנט פון מרדכי גאָטפריד

ווען דיכטער וואָלטן שרייבן נאָר מיט האַרץ — וואָלט זיך דאַן זייער צאָל שטאַרק פאַרקלענערט.

מ ע ש י ם אָ ן ג ל ו י ב ן — אַ שיף אָן אַ זעגל; גלויבן אָן מעשים— אַ זעגל אָן אַ שיף.

# אוי, ווערט טרויעריק!

איך קען מער נישט פאַרטראָגן מאַנהעטן בײַנאַכט.
ס׳ווערט טרויעריק — אוי, ווערט טרויעריק!
אפשר זענען עס די מענטשן, די בריקן, די לעמפּלעך;
די הויכע, בלאָע גלעזערנע הײַזער;
צי אפשר איך אַליין גאָר?

אַ מענטש מעג זיך אויך אַמאָל נמאס ווערן —
קען זײַן, ס׳איז נישט שולדיק ניו־יאָרק;
אַז ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַזוי
פון זיך אַליין אויף קאַנאַל סטריט.

אוי, ווערט טרויעריק —
אַ געבויגענער מענטש, אַ שווערער בורנעס,
גייט אום איבער דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ;
זעט נישט דעם הימל, די צורה פון לעבן —
ר׳איז ווי לוט׳ס ווײַב,
ערגעץ אויפן וועג אַהער פאַרשטײפט געוואָרן
און איז געבליבן אַ שטיק הויפן נאַכט.

ס׳ווערט טרויעריק — אוי, ווערט טרויעריק!
קיינעם גייט ער נישט אָן;
נישט זיך, נישט מיך, נישט דיך;
בלויז דאָס ליד האָט רחמנות אויף אים
און גייט אים נאָך, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל
בײַנאַכט אויף קאַנאַל סטריט.

אַ מענטש מעג זיך אויך אַמאָל נמאס ווערן.

---

בעריש ווײַנשטיין איז דער מחבר פון אַ צאָל פּאָעטישע ווערק; דער אַרויס־געבער און צונויפשטעלער פון אַ יערלעכער אַנטאָלאָגיע פּאָעזיע: „אַפּקלויב״.

אַבא קליגער

# זיי גרוים אין דיין אַליינקייט

(עסיי)

אָפטנס צווישן טאָג און נאַכט באַוויזטו זיך אַן איינגעהילטער אין אָוונט־פאַנטאַזמען, מיד פון דרייען זיך אויף און אָפּ, אַהין־אַהער. קוקסט אין דער אויפגייענדיקער טונקלקייט, ווי דו ווילסט דאָרט וועלן זען דאָס ליכט וואָס האָט דיך אויסגעמיטן אין דער בלענדעניש פונוואַנען דו קומסט.

שווייגסט, ווי דיך וואָלט געשראָקן דיין אייגן קול וואָס דו הערסט זעלטן. מיינסט אַז נאָענט צו איינעם וואָס, ווי דיר מאָלט זיך, איז אַנדערשדיק, ווילסטו שטילן די הייסע נאָגעניש, געפינען חברשאַפט און וואַרעמקייט, אפשר אויך אַן ענטפער אויב מ׳דאַרף זיך גרויסן, צי שעמען מיט דער אַליינקייט, וואו ער, דער אייגענער, דער פריינד, אין וועמען דו גלויבסט, איז ניט פאַראַן.

* * *

איל דיך ניט. שפּאַן אַריבער די שוועל און רו אַ ווייל. קענסט פון זיך ניט לויפן. וואוהין? דער עלנט יאָגט דיך איבער די רוישיקע געמאַרקן און אַריבער זיי, אַז פון יעדער זייט פאַכען דיר אין פנים די אייזיקע פליגל פון פרעמדשאַפט, גלייכגילט און לאַנגווייל.

טוליע מיך צו. לאָמיר זיך ווי אברים פון איין גוף באַדינען און זיך איינהערן אינעם בשותפותדיקן וואָס פאַרבינדט. אַרום אונדז שטייגט אויף די נאַכטיקע מנוחה וואָס דרינגט אפילו אין פאַרזיגלטע היילן און הערט דעם אָטעם פון די שטילקייטן.

באַדויער ניט וואָס דו ביסט. זאָלן רעיונות ווי פייער־פליגן זיך אָנטרעפן. אפשר וועט אויפבליצן דער שותפותדיקער פונק צו באַלייכטן וואָס בדידות מיינט, פונוואַנען ס׳נעמט זיך אין סאַמע מיט פון וועלטס גרויסער אומרו.

* * *

אַליינקייט איז ניט נזירות, ניט אויסליידיקונג פון די קוואַליקע ריחות וואָס פרישן און זעטיקן. ס׳איז ניט אָפּריס פון שורש וואָס זאַפּטיקט, גיט לעבן, וואַרעמקייט, קיום און צובינד. אָפט דערפירט עס צום שוועל פונעם אינערדיקן היכל, וואו ס׳פלעמלט אויף און אָפּ די ניט־געזעענע שיין פון דיין מהות וואָס דו מיינסט צו געפינען אויסער זיך.

קיינער חוץ דיר זעט עס ניט. פאַר קיינעם חוץ דיר לייכט עס ניט. פון דיר איז עס אויפגעקומען, דו האָסט עס געפּאַטערט און ווי דו איז עס אַליין, אָפּגעשלאָסן אין זיך — פון בלענדענישן ניט פאַרשלונגען, פון זאַוועררוכעס ניט צעוויגט, פונעם דרויסן ניט פאַרשטעלט.

לאָמיר זיך טרויען. דאָס אויסערדיקע וואָס פּרירט דעם אינטעלעקט און פאַרשאָטנס דאָס לויטערקייט פון שכל איז ניט עכט און ניט אייגן.

דו, ווי ער און יענער, ביסט אַן אַ צווייטן צו זיך, ווי דער חלום דיינער איז, ווי דיין אינער־פרייד און צער. דערפאַר אַן התקרבות. אויב דו אַנגסט עס ניט, שרעקט עס דיר — אַנטלויפט, אָבער צו לויפן דאַרף זיין אַ וואוהין. דאָס האָסטו ניט און ניט דו ווייסט פון אַן ערגעץ־אַנדערש.

דער ע ר און י ע נ ע ר, כאַטש אין עצם אַ טייל פון דיר, מיט דיין אַפשיין אויף זיך, מאַכט דיר מיינען אַז דו און ער זייט איינס. דיין נאָענטקייט מיט אים ווערט גיך אויסגעוועפּט ווי אַן אויסגעטרוקנט בלימל.

נייך, ביסט ניט קליגער, ניט בעסער פון אים. אויך ניט נאַרישער און ערגער. אָבער דיין סאַך — זיס צי ביטער — די גאַנצקייט מיטן סכום פון דיינע ווערטן, וועסטו ניט געפינען מחוץ דיין אינער איכישקייט.

* * *

וואונדערסט וואָס מאַכט דיר זיין וואָס דו ביסט און ניט ער און יענער. אין דעם פּרט ביסטו ניט איינער. אויך ער זוכט אָט־דאָס וויסן וואָס שיינט אָפּ פונעם אינוויייניקסטן פלעמל און וואָס גיט יעדן אַן אייגן פּנים, מאַכט אים פאַר דעם וואָס ער איז.

קענסט אָבער ניט צוקומען צו דיין אינזיכישער שיין, אַז אינעם אַלץ־אַרום וואָס פאַרשלינגט דיך, זעסטו זיך פלאַך ווי אַ שאָטן, אומזיכער ווי אַ שטרוי אין ווינט.

אָט־דער מצב באַגלייט דיך אומעטום, נאָר ברענגט ניט וואו דו דאַרפסט זיין. דאָס מאַכט פון דיר אַלץ, נאָר ניט וואָס דו קענסט זיין. ווי אַן אונטערגעשפּאַרטע ראָד אַרום אַקס, דרייסטו זיך און דערגייסט אין ערגעץ ניט.

ביסט אַליין, ווייל דו קענסט ניט נאָכשפּאַנען יענעמס טראָט, ניט אומגיין אין יענעמס פאַנטאַפל. אין מיט פון געדרענג טרעטסטו דעם טראָט וואָס איז דיר אייגן, וועדליג דיין כוח, דיין געמיט, וועדליג דאָס ריטמישע געזאַנג פון דיין בלוט.

* * *

אויסגעמישט אין דעם צערוישטן געווירבל פון דער אַרומיקייט, ווערסטו אַ ניט־באַמערקטער קאָליר, אַ פאַרטויבטער קלאַנג, אַ וואַסערשפּריץ, אַ שטויבל איבערן צעמאַלענעם שליאַך.

בלויז ווען מ'איז מרגיש דאָס בענקשאַפט צום אָפּגעשלאָסענעם, פאַר'דבק'עטן זעלבסט, שטייגט מען אויף דערוועקט און שעפּריש אין דער אַליינקייט, אָנגעהויכט פון אייגענעם אָטעם, באַלויכטן פון אויפגעטאָגטע זעאונגען. דעמאָלט באַוויזט זיך דער באַגערטער פריינד, דער נאָענטער, דער געזוכטער. מ'איז ניט אַליין, נאָר שטיין צעשמאָלצן פון זיין דערוועקט פייער, אַ גוף צעפלאַמט פון נשמהדיקער התלהבות. דאָס אָבער געשעט ניט על פּי נס, נאָר ווערט מסירת־נפשדיק אַרויסגעבראַכט דורך געבורטווייען.

אָט־די צווייאיקייט פון וואָך און יום־טוב, שפלות און דערהייבונג, פון אויסער־אינער באַהעפטונג, ווערט זעלטן אויסגעטראָגן אין אַ וועלט וואָס איז צעשפּליטערט ווי אברים פון אַ קראַנקן גוף וועלכע פאַרפרעמדן זיך און קענען מער ניט אַרויסברענגען זיינע פולע מעגלעכקייטן.

* * *

אין דער ניט־געשטילטער מאַשינעריע פון גרויסן אומרו זעסטו זיך ווי אַ רעדל באַוועגט פון אויסערדיקע כוחות. ווער ס'איז מיטגלעשלעפּט פון דער האַסטיקייט איז ניט זיין אייגענער האַר.

קוק דיך איין אין דער פאַרקנוילטער מלוכה פון מוראשקעס, געבייטשט פון שרעק פאַרן אומבאַוואוסטן, קריכן זיי איינס אויף דאָס אַנדערע, ווייל זיי קענען ניט זיין אַליין, ווייסן ניט ווי צו לעבן אַליין, וואו צו באַוועגן זיך אַליין.

אַן קלאָרקייט, אָן פּאַרזע, פּלייצט די צענויפגעקלעפּטע מאַסע און ברענגט מיט זיך וויסטונג, יאוש, חילול. זי אײדלט ניט, העלפט ניט, דערהייבט ניט, פירט אין ערגעץ ניט און איז ניט מבשר קיין גוטס. געטריבן פון רויע כוחות פאַרשווענקט זי אַלע גבולן, צעוואַלגערט אַלץ וואָס איז פאַרוואָרצלט, חשוב, שיין און פאַרהייליקט.

* * *

אָפּגעזונדערט און אַרומגענומען מיט ניט־זעעוודיקע מחיצות איז דאָס בלאַט. אַלע אַרום זענען אויסגעטראָגן און דערנערט פון איין בוים, איין שטאַם, איין וואָרצל. אויבנאויפיק זענען אַלע גלייך — איין מאָס, איין מזל, איין באַגער.

אָפּגעזונדערט און אַרומגענומען מיט ניט־זעעוודיקע מחיצות איז יעדער בלאַט מיט נייגונגען, כוחות און זאַפטן וואָס זיינען אַנדערש. מער ווי דאָס — זענען אין סתירה איינס דאָס צווייטע.

אַ בלעטל אקאָרשט פון צווײט קען ניט פאַרטראָגן דאָס נאַקעטע אַליינזיין וואָס איז אין עצם דער אייביקער באַגלייטער. ס'שרעקט זיך פאַרן ניט־געצאַמטן דרויסן און פאַרבליט ווי גיך דאָס צעגרינט.

פאַראַן אַן אַנדער בלאַט, ווי פון אַן אַנדער מין, כאַטש פון זעלביקן בוים, שטאַם און וואָרצל. ראַנגלט זיך עס און ווערט זיך עקשנותדיק מיט ניט־גלייכע כוחות אַקעגן צאָרן פון ווינט און פיינדלעכע אַנשיקענישן וואָס זוכן עס אומצו־ברענגען. דאָס פאַרמעסט זיך מיט דער פלאַמיקער קעלט, באַצווינגט די בייזע אַרומען און דערהאַלט זיך פריש און גרין אויפן נאַקעטן בוים, ווען אַלע אַנדערע זענען לאַנג־שוין אָפּגעפליקט, פאַרבלאָזן, טויט.

פאַרוועבט אין זיך, לעבסטו מיט דיין חלום, דיין בענקשאַפט, אימפּעט און גלייכגילט. אייגן איז דיין גבורה און שוואַכקייט, אַנרעג און מורא. מחוץ ווי מיט די אַטריבוטן ביסטו מיט קיינעם ניט שותפות.

* * *

שטיל, באַהאַלטן, מיט אויסדויער, ציט דער שפּין פון זיינע אינער־זאַפטן דאָס גאָר־אײדעלע זייד, פאָדעם נאָך פאָדעם, כדי פון דעם אויסצופורעמען זיין וועלט — אַן אייגענע. אַזוי טוסטו מיט דיין קיום אויסוועבן אַן אייגענעם הימל און אויסרונדן אַן אייגענע ערד.

פון דיר און דורך דיר איז צעשיינט וואָס דו קענסט אָנרופן ד י י ן. דאָס בליט — פאַרבליט מיט דיר, דערהייבט און דערנידעריקט, שטאָלט און צעשטויבט.

שווער איז פון דרויסן אַריינצוקוקן אין אייגעמס חדר וואָס איז פון אים אַליין געוואָרן אויפגעשטעלט, און וואו קיינער חוץ אים ווייסט ניט ווי צו עפענען די טיר. ווער אויסער דו וועט דאָרט געפינען היימישקייט און הערן דיין שטומע ליד?

מערקסטו ווען די אַ נ ד ע ר ש ק י י ט, פילסטו זיך ווי אַ גר מיט זיין אייגן לשון, וואָס געדענקט ניט זיין לאַנד, ניט דעם וועג אַהין און וואָס קען זיך קוים צונויפרעדן מיט וועמען.

זוכסט היימלעכקייט, התקרבות, דעם „בן־עיר" וואָס שיינט אין דיינע זעאונגען, רעדט צו דיר אין די מנחה־שעהן פון דיין אינער־קאַמער אַרויס און וואונדערסט אויב בדידות מיינט שפלות צי עליה, גנאי צי לויב.

שרעק דיך ניט. זיי גרויס אין דיין אַליינקייט.

אײדעַ מאַזע (מאָנטרעאַל)

# צו מײן ליד

אַלע מאָל אויף שפּעטער,
אַלע מאָל אין מיטן;
איך בײט דיך אוים אויף אײגענע
און אויף יענעמס זאָרגן,
פון אַלע מײנע לײדן—
האָסטו מער געליטן,
װאַרטסט מיט מיר אײנאײנעם
אויף זוניקערן מאָרגן.

אַלע מאָל אין מיטן,
אַלע מאָל אויף שפּעטער;
דער טאָג מיט שװערער לאַסט
צעשײדט נאָר און פאַרװערט;
עס קושט מײן בענקשאַפט דיך
װי פרילינג־רעגן קושט די יונגע בלעטער,
װי אַ שטום געבעט—
פון קײנעם ניט דערהערט.

און אַרום אונדז בײדן,
רויש פון יונגע קנאָספּן;
בליהונג גאַנצע סעדער,
פרוכטן פול און צײטיק;
אין אָפּגעשפּאַרטער רגע
קוקן מיר זיך אָן:
דערזעען מיר זיך בײדע,
פרעמדע, און באַזײטיקט.

און איך לאָז דיך איבער,
אַלע מאָל אין מיטן;
זאָג דיר צו אויף מאָרגן,
זאָג דיר צו אויף שפּעטער:
פון אַלע מײנע לײדן
האָסטו מער געליטן;
עס קושט מײן בענקשאַפט דיך,
װי דער פרילינג־רעגן קושט די יונגע בלעטער.

**װערט אַ מיטגליד אין יידישן קולטור קלוב**—די קולטור־הײם פון יידיש־
יידישן סעקטאָר אין לאָס אַנגעלעס. מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקר., 4213 מאָנראָ, ל.א.

**מאַטעס דייטש**

# מיט קאָפּ און מיט טראָפּ

## (נאָטיצן בעתן לייענען)

### י. צ. שאַרגעל: „פון ווייַ און גלויבן"

אַרויסגעגעבן פונעם י. ל. פרץ פאַרלאַג, ישראל, 1959.

לייענענדיק דאָס בוך מאַכט עס אַ טאָפּלטן איינדרוק: דער מחבר זינגט פון צוויי יידישע וועלטן; איין וועלט וואָס איז אונטערגעגאַנגען דורך פלאַם און פייער, און ער, ווי אַ יידישער דיכטער, אַ ייד בכלל, איז איבער דעם שטאַרק געטראָפן געוואָרן אין אַן אומענדלעכן ווייַ; ער זינגט אָבער אויך, צו דער זעלבער צייט, פון אַ צווייטער יידישער וועלט, ישראל, וואָס גייט פאַר אים אויף און ער איז אַ דאַנק איר געשטאַרקט געוואָרן און אָנגעפילט געוואָרן מיט נאַציאָנאַל־אידעאַלן גלויבן.

שאַרגעל איז אַ מיטזינגער, ווען עס קומט צו באַזינגען אונדזער עבר; און מיט מיט־זינגער איז די יידיש־פּאָעזיע געבענטשט פון דער השגחה מיט דער זעלבער הבטחה וואָס אונדזער אור־פאָטער, אברהם — די פּרוכפּערשאַפט איז אין לשער, נישט צו פאַרזינדיקן. אמת, ער איז דווקא אינעם ריכטיקן טאָן און טראַדיציאָנעלן נוסח און זיין ליד איז טאַקע פול מיט דער קלאַסישער השפּעה ווי די מערסטע, ווען זיי רירן זיך צו צו דער יידישער סביבה פון אַמאָל; וואָרעם באַלד שפּרינגט אַרויס דער חדר, דאָס בית־המדרש און דער אַלטער איינגעפונדע־וועטער שטייגער לעבן, וואָס איז פול מיט יידישן אייגנאַרט.

„צו סליחות געגאַנגען האַלבע נאַכט,
דינען דיר מיט כבוד און מיט מורא.
אַז מע האָט די יידן אַלע אומגעבראַכט,
ווער וועט דיר איצט טאַנצן מיט דער תורה."

„פּערל טענהט מיט גאָט", זייט 53.

מיר זיינען מיטן גאַנצן יידישן שאַפן אין דער איצטיקייט, ניט מער ווי די שיריים פון אַמאָליקע דורות; די שיריים פון אַמאָליקע רייכע טישן מיט זייער אַלרייכקייט פון דורותדיקע טראַדיציעס און שטייגער־לעבן.

אַט־דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל; געווען, געווען און ניטאָ מער דאָרט וואו עס האָט געבליט און געוואַקסן, אַז אַ קינד האָט זיך געפילט אַז ס'איז מער ווי אַ קינד...

סע איז געווען דאַנערשטיק אויף דער נאַכט,
און איך — אַ ייד, אַ יאָר זיבן;

אַזוי דערציילט דער דיכטער פאַר אונדז אין „מיין בענקשאַפט" אויף זייט 98. ווען ער איז געגאַנגען פונעם חדר מיט אַ „לאַמטערל באַוואַכט". ער האָט געפּליסטערט פאַר זיך אויף דער גויאישער ערד:

כ'האָב אַ לאַנד, כ'האָב אָבות און אמהות,
כ'שטאַם אַרויס פון די גרויסע צוועלף שבטים;

דעם גאַנצן יידישן יחוס רעכנט ער אויס ווי אַ ייִנגל וואָס האָט געלערנט חומש. און ווי שטאַרק דאָס חומש־וואָרט איז געווען איינגעבאַקן אין די קינדערשע הערצער; מ'האָט עס, דאַכט זיך, ניט איינגעפּלאַנצט אין זיי מיט פּאַראַדן, מיט פּאַנען און אָרקעסטערס אויף ברייטע גאַסן און סקווערן; נאָר פאַרקערט, אין ענגע חדרים און אויף שמאָלע בענק . . . ס'האָט אָבער שטאַרק געפלאַקערט אין די הערצער פון יידישע קינדערלעך, אַז ווי אָפּגעפרעמדט זיי זאָלן ניט האָבן געוואָרן אויף דער עלטער, טליעט עס נאָך עד היום און ניט איינמאָל טוט זיך עס אַ צעפלאַקער און עס ווערט דערפון גרויסע פּערזן. . .

„פון וויי און גלויבן" איז געשריבן אין שטיל־לירישן איינגעהאַלטענעם טאָן, אַביסעלע צו שטיל, ער הייבט אים ניט אויף העכער פון זיינע צניעותדיקע ברעמען, אַז מ'קאָן אים אין זיין פולקייט ניט דערהערן און אַוודאי ניט דערזען; און אַ טאָן דאַרף זיך אויך לאָזן דערזען — דורך אַ געדאַנק, אַ בילד צי אַ מעטאַפאָר. ליריק דאַרף ניט זיין אַנטי־אינטעלעקטיש . . .

און אַז ס'איז שווער צו דערהערן דעם דיכטערס אייגן פּאָעטיש קול איז שוין במילא שווער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער טעמאַטישער עכטקייט, וואָס ס'איז אַלט און פאַרעלטערט און וואָס איז ניי ביי אים, היינטצייטיק פריש און ערשטיק; וואָרעם אי אַלטקייט ווייעט אַרויס פון זיין וויי און גלויבן, און אויך עפּעס היינטיקס ווייעט פון זיינע פּערזן.

אַוודאי קאָן עס ניט געזאָגט ווערן וועגן דעם מאָטיוו „וויי", אַז ער ווייעט מיט היינטצייטיקער פרישקייט; געוויס לאָזט זיך עס ניט זאָגן אַזוי באַרעכטיקט ווי וועגן די לידער וואָס ווייען מיטן מאָטיוו „גלויבן". און דער גלויבן ווערט פאַרוואַנדלט אין דיכטערישן באַוואוסטזיין, ווי אין די לידער „ירושלים", דער־הויפּט אינעם ליד ב. זייט 109:

מיט דיר האָב איך געשנאַפּן יאָר נאָך יאָר;
און יום־טוב־טעג מיט דיר געטרונקען קידוש.—
אַצינד מיט פולע לונגען פון זינגענדיקער וואָר
איך זינג דיין זיין אויף מיין מאַמעס לשון — יידיש.

עס גייט אפילו אַזוי וויט אינעם געפונענעם גלויבן, אַז ער צעזינגט זיך באַרוישט אויף אַזאַ מין אופן וואָס שמעקט אַביסעלע שוין מיט עראָטיק פון דעם פרומען מין. . .

און דו, אין דעם געזאַנג, דודאים ווילסטו אַנטפּלעקן,
און ווי אין מיינע חומש־ברידער— ליבע אין מיר וועקן,
בענטש איך דיין באַגער, וואָס וואַקסט אַריין אין ליד.

אין עצם תוך, איז זיין ליד טיילווייז פעמיניסטיש, סיי אין ריטם און סיי אין דער קאָנסטרוקציע. נאָר אַזוי איז אַפּנים גרינגע ליריק, זי ווערט נאָך אַלץ געגערט פון דער הוילער מוזע; און די מוזע, ווי אַלט זי זאָל ניט זיין, איז נאָך אַלץ ביי זיך — מיידלש.

איך וואָלט זייער געוואונטשן אַז שאַרגעל זאָל גאָר אין גיכן העכער אויפ־הייבן זיין מענעריש קול אינעם ליד און אויב סע זאָל ביי אים ווערן אפילו באַסאָווע, אַרט מיך אויך ניט; מחמת אַ באַס איז דער וואָס פאַרקינדיקט עקשנות־דיקע טענער; ער גייט ניט אייך אויף לייכטע זאָגעכצער; ער איז דער וואָס איז קיינ־

מאָל ניט מסכים מיט די גרינגע טענער, די אַלטן־קולכלעך; ער פאָדערט טיפקייט; טיף, טיף — נאָך טיפער! ער קריכט אונטערן דנאָ... ער איז דער איינציקער אינעם אָרקעסטער וואָס וויל רק נאָר אַנדערש — גראָבט ער, שאָבט ער און פירט זיינס אויס.

דער דיכטער דאַרף זיינס אויספירן, אַריינפירן; ניט נאָכפירן!

און שאַרגעל פירט נאָך זיינע מאָטיוון נאָך אַ טייל — נאָכן. עס פעלט אים אויס עקשנות; עקשנות מיט וואָרט, מיטן גראַם, מיטן ליד— מיט זיך!

און וואו נאָך קען אַ דיכטער געפינען אַזויפיל עקשנות ווי אינעם לאַנד ישראל?

## יעקב גאָטליב: „געקליבענע לידער״ — מאָנטרעאָל, 1959.

יעקב גאָטליב איז אַ דיכטער, אַ שטורעם־פויגל. אין זיינע „געקליבענע לידער״, וואָס דערגרייכן די צאָל 194 ז״ז, געפינען זיך אַרום 94 לידער; דאָס איז כמעט דער גאַנצער פּאָעטישער פאַרמעגן וואָס פונעם יונג־אומגעקומענעם פּאָעט־עסייאיסט איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן לדורות עד עולם.

פון דער ביבליאָגראַפיע וואָס יעפים יעשורין האָט כראָנאָלאָגיש אין בוך אָנגעגעבן, איז צו זען אַז די ירושה פונעם דיכטער איז אַ פיל גרעסערע געווען ווי זי איז איצטער אין דעם לעצטן בוך.

מיר זעען, למשל, אַז „גאָלד און בלוט״ איז אַרויס אין 1931, „קולות פון דער וויט״, אין 1933; „אַ ווערבע ביים טייך,״ אין 1936; און „סאָנעטן״, אין 1938. אויך האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קריטישע עסיי: „מ. לייוויק, זיין ליד און זיין דראַמע,״ 1939.

דער ברודער, ב. י. גאָטליב, האָט ביים צוזאַמענשטעלן דאָס איצטיקע בוך, געפונען פאַר נויטיק זיך ניט צו רעכענען מיט דער כראָנאָלאָגיע און איינגעטיילט דאָס בוך אין פינף טיילן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם מיט די טיטלען פון די פריערדיקע ביכער וואָס יעקב האָט אין באַזונדערע צייטן אַרויסגעגעבן אין קאָוונע ווען די שטאָט האָט יידישדיק געבליט.

עס איז צום אָפּפרעגן, פאַרוואָס דאָס בוך הייבט זיך אָן גראַד מיט טיטל פונעם דריטן בוך און ניט ווי עס האָט זיך געפאָדערט אַז „גאָלד און בלוט״ זאָל זיין ווי עס איז געווען פריער דאָס ערשטע. נאָר דאָס קען בלויז פאַרענטפערט ווערן מיטן מאָטיוו וואָס דער צוזאַמענשטעלער, זייענדיק אויך אַ דיכטער, האָט געפילט אַ עפענען דאָס בוך פאָדערט זיך מיט מער רייפערע לידער; חוץ דער השערה איז טאַקע ניט צו פאַרשטיין די „זינד״ קעגן דער כראָנאָלאָגיע וואָס פאָדערט איר באַרעכטיקטן פּלאַץ לגבי דער פּינקטלעכקייט בנוגע דאָס שטייגן פונעם דיכטער אין זיין שאַפן.

יעקב גאָטליב איז אַן אומרואיק קינד פון אונדזער שטורעמדיקער תקופה. ניט סתם זינגט ער:

> שענק מיר דעם שטורעם פאַר מיין געמיט,
> דעם פרילינג־רויש פאַר מיינע טריט.

זיין פערז איז מענלעך, ווירבל, קולטיווירט; דער ריטם איז ביי אים אַ זיכער־ער ווי דער שפּאַן פון אַן אַוואַנגאַרד. עס איז, ווי מיר שיינט, דאָ אין זיין ליד די געשפּאַנטע באַוואוסטזיניקייט; וואו ער זאָל זיך ניט געפינען; אפילו שטייענדיק

ביים ים איז ער קעגן אים וואָך מיט זיין באַוואוסטזיין. ער איז ווי אַן אָנגעצויגע־נער זעגל קעגן שטורעמווינט.

איך ברענג בלויז אַ פּאָר אַרויסגעכאַפּטע סטראָפעס פון זיין ליד „ביים ים.“ זיי ווייזן אויף זיין געמיט וואָס איז אַזוי צערוישט:

איך שטיי מיט בליק צום ים געווענדט,
מיט בליק צו אייביקייטס געזיכט.
די זון גייט אויס אויף גאָלדענע הענט
און אויך אין מיר גייט אויס איר בלוט.

ער איז מיט ספּיריטיסטישער געאָנטקייט, וואָס קומט פון דער שטורעמ־דיקער צייט וואָס טרייסלט די וועלט און איז ווי דער ים צעוויגט און שלאָגט זיך מיט אַכזריותדיקער משוגעת אָן די זאַמדיקע ברעגן אָדער די קאַלטע סקאַלעס וואָס גלאָצן מיט גלייכגילט.

די נאַכט איז דאָ. אויף יענער זייט
פון פינצטערניש — די זון, זי רוט.
אַן אַלט געזאַנג קומט פון דער ווייט
און ברעכט טויערן אין בלוט.

ער איז פול מיט פּחדיקע אָנזאָגן ווי ער פּאַרקערפּערט זיי אין זיין ליד: „פרילינג 1933“, וואו דער רעפריין ספּאַזמירט ביי אים אַן אומטויש צוזאַמען מיט זיין דיכטערישער עמאָציאָנעלקייט וואָס וועקסלט זיך אין שאַטירונג.

איך גיי דורכן פרילינג מיט אַלטע טריט,
מיין טרויער, ווי דער ים, גייט מיט מיר מיט.

און אַט אַזוי שטימונגספול, בילדעריש און סוגעסטיוו פליסט דאָס ליד „פרילינג 1933“ מיט געשפּאַנטע פערזן, וואָס יאָגן זיך מיט אַן עכאָ פון דער וועלטס עקפּלאָדירטן געוואַלט — קוואָ וואַדיס! דער דיכטער שלינגט איין דעם פּחד און די אומרו פון דער וועלטס שטורעמדיקן גערײַנגל און ער טוט עס אַזוי אַפּאָקאַליפּטיש באַדויערן אין זיין חידותדיק טרויערן:

ווייל האַנט וואָס שטרעקט זיך מיט פרילינג צו מיר
ברענג די קראָ פונעם טויט צום שוועל פון מיין טיר.

דעריבער פאַרטוישט זיך ביי אים דער רעפריין פון ליד אין אַזאַ איכהדיקן פינאַל וואָס לעשט זיך ווי אַ שטערן הינטערן וואָלקן.

איך גיי דורכן פרילינג מיט פאַרלאָשענע טריט.
מיין טרויער, ווי דער ים, גייט מיט מיר מיט.

און בעת זיינע טריט ביי אים זיינען פאַרלאָשענע, צעוויכערט זיך אַרום אים נאָך מער דער וועלט־שטורעם און אים מיט פינצטערקייט, ווי ער גיט עס איבער צו אונדז דורך זיין ציקל לידער „אין אַזאַ נאַכט“, וואו ער איז מוראדיק אומרואיק ווי זיין טאַטע אין חצותיקער שעה. מיט די דאָזיקע פיל צעפּליסטערטע מחשבות דערפילט ער זיך ווי אַן אַלטער ווידערקול: „אַלט און שטום.“

סע וועט מיר נאָך אויסקומען ביים סאַמע סוף צו ציטירן דאָס ליד—ג, פון אַט־דער סעריע לידער. איך האַלט אַז אין אַט־דעם ליד איז פאַראַן די באַ־

גרינדונג פון מיין באַהויפּטונג, אַז ער איז דאָס אומרואיקע קינד פון היינטיקן וועלט־שטורעם. ער גיט סיגנאַלן ווי נאָר אַ מענטש אין פינצטערער פאַרלאָרנקייט איז פאַרווירט צו אויסטענהן זיך אויף אַ הויך קול; עס דערטראָגט זיך צו אונדז מיט דער גבורה פון מרידה קולות, דורך זיינע לידער „ברודער, כ'בין דער שטיין," „וועכטער אויף דער מויער" און פיל אַנדערע פון דעם קאַליבער.

די לעצטע סטראָפע פונעם ליד „וועכטער אויף דער מויער" פאַרענדיקט ער מיט אַזאַ צעפּראַלטן פינאַל, וואָס נאָר ימיקע שטורעמווינטן טראָגן אים אין זייער געיעג:

וועכטער אויף דער מויער, וועכטער אויף דער מויער,
דיין לעצטע פּעסטונג פאַלט שוין אויך צחאָמען.
פון טיפע גרונטן שפּאַרן רויטע פלאַמען;
אָט זינקט דיין מויער שוין אין פייער־שטראָמען
און ס'לעשן זיך די שטערן אויס אין הימל־תהומען.

מיט אַזאַ געמיט שטורעם זיינען אָנגעפילט די מערסטע לידער; דערהויפּט זיין גרעסערע פּאָעמע: „קולות פון דער ווייט." דער ריטם אין איר גאַלאָפּירט ווי אַ טאַבון ווילדע פערד. ער האַלט אַן איבער דער גאַנצער לענג פון דער פּאָעמע. זי פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אַ פּאָעטיש־נביאישן וואָגזין; דער ריטם האַלט אַן ווי אַ שטורעם, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אָן אָפּלאָז.

אין בוך געפינט זיך אַ צאָל לידער געווידמעט צו פּאָעטן און צו אידעאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן. צווישן זיי: י. ל. פּרץ, י. ח. ברענער, ה. לייוויוק, ספּירידאָנאָווא, א. ליעסין, משה לייב האַלפּערן, לענגסטען יוז (דער אַמעריקאַנער נעגערפּאָעט), באָדלער, לי טאַי־פּע, וואַן גאָג, שלום שוואַרצבאַרד.

נאָר וואָס איז די פּעולה צו פאַרצייכענען און אָנווייזן פאַרן לייענער די אוצרות פונעם יידיש־ליד, אויב ער זאָל נאָר אָפּקומען מיט דער אינפאָרמאַציע וואָס אַזאַ איבערבליק גיט אים און ניט לייענען זיי?

דער עיקר תוך איז דאָך אַז דער לייענער זאָל זיי אַליין לייענען און זיך אָנזאַפּן מיטן דיכטערס געמיט און געדאַנק.

ס'איז אַ שטאָלץ ווי אויך אַן עסטעטישער געווינס ווען אַ לייענער דערשפּירט ביי יעקב גאָטליבן אין זיין פּאָעמע דעם גייסט פון ישעיה הנביא, כאָטש ער דערמאָנט ניט זיין נאָמען. דער גייסט זיינער איז אָבער דאָ אין די ווערטער פונעם פּאָעט. ווען ער רעדט שטאַרקע שטראָפרייד צו די אַסימילאַטאָרן און אַנדערע בוגדים, פאַררעטער:

זיי לייגן צו דאָס האַלץ צום פייער,
וואָס פאַרלענדט אונדז
און ווערט גרעסער.

און צו קליין איז פאַר די די בייטש פון יענעם מאַן פון מזרח,
וואָס האָט דיך אויף זיי שאַרף און פאַראייגמאַל פאַרמאָסטן.

און אַזוי דיכטעריש און פּאָעטיש האָט זיך דער יונגער גאָטליב אויף פאַרמאָסטן. נאָר זיין פאַרמעסט איז אָפּגעהאַקט געוואָרן — ניט פאַרענדיקט.

דאָס בוך איז באַצירט מיט אַ יוגנט־פּאָטאָגראַפיע פונעם דיכטער מיט זיין פּרוי.

## לייזער ראַן: „אַש פון ירושלים ד'ליטע." ווילנער פאַרלאַג, 1959, ניו־יאָרק

די חורבן־ליטעראַטור פון דער לעצטער (הלוואי זאָל עס זיין די לעצטע) אייראָפּעאיש־יידישע קאַטאַסטראָפע, האָט דערגרייכט אַזאַ קולמינאַציע, וואָס נייטיקט זיך שוין אין ספּעציעלע קאַטאַלאָגן און רייסטערס, וואָס זאָלן גרינג מאַכן צו צוקומען צו איר אויב עמיצער וויל זיך אייגנאַרטיק אָפּגעבן מיט איר צוליב שטודיע אָדער קריטיק און פאָרשונג.

ס'איז ניט פאַראַנען דאָס יאָר וואָס ס'זאָל ניט צוקומען קיין וויכטיקע ווערק אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן.

דאָס איז אַן ענין וואָס קען ווערן ממש אַ פּראָבלעם אויב מ'זאָל ניט אַכטונג געבן תוכיק, סיסטעמאַטיש לטובת דער היסטאָריאָגראַפיע פון באַצייטנס אַלץ און אַלעס פון דעם מין איינשליסן אין אַן אויספירלעכער ביבליאָגראַפיע. עס טאָר ניט ווערן צופיל צעזייט און געשפּרייט, אַז ס'זאָל פון דעם חלילה עפּעס פאַרלוירן גיין; סע וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרלוסט פאַר אונדזער זכרון— דעם היסטאָרישן געדענקשאַפט וואָס מ'דאַרף אים האַלטן וואַך און אָפן פאַרן געדעכעניש, אַז ער זאָל זיך פון אים לערנען, היטן און זיך פעסטיקן.

דעם אופן ווי לייזער ראַן שרייבט און גיט איבער דאָקומענטן, דאַטעס, גע־ציפערטע פאַקטן, דערזעענע און איבערגעלעבטע דערפאַרונגען, באַקומט זיך עפּעס אַזוינס פאַר אונדזערע אויגן, וואָס ס'איז שיער ניט אומגליובלעך אפילו פאַר אונדז יידן. דאָס יידישע לעבן אין זיין פולער שטראָמיקייט כאַפּט זיך אויף אין סאַמע מיטן חורבן פון זיין צעשטערטקייט און טרייסלט אָפּ דעם קאַלטן טויטן „אַש" פון זיך אַראָפּ, אַז עס באַקומט זיך אַ סך מער ווי די לעגענדע מיטן לעבע־דיק־געוואָרענעם פאַרברענטן פעניקס . . . ווילנע ווערט צוריק אויפגעוועקט פון חורבן און עס הייבט זיך אָן באַוועגן דאָס אמתדיקע יידישע טאָג־טעגלעך לעבן אין זיין קאָלריפולן קיום ; די גאַנצע פאַנאָראַמע פון אַן אייגנאַרטיקע יידישע שטאָט און איר קולטור.

לייענענדיק קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, קוקנדיק אויף די פאַרשיידענע בילדער, פאָטאָסטאַטן און אויסגעקריצטע, אויסגעגראָבענע דאָקומענטן מיט בלוט־געשרי־בענע לאָזונגען, ווערט דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אויפגערוישט ווי פון פייערדיקע ווינטן און אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט מער און פיל ווירקנדיקער ווי בלויז חורבן־אַש ! ס'איז אפשר אַש פאַר דער גויאישער וועלט; פאַר אונדז יידן איז עס רויט־גליענדיקער אַש, וואָס וועט אייביק טליען און זשאַרען אויף דור דורות. סע איז אַ פייערדיקע ווילנע ! ירושלים ד'ליטע איז הייסער, לעבעדיקער אַש, וואָס וועט תמיד פלעמלען ווי אַ נר־תמיד פאַרן יידישן פאָלק עד עולם !

גאָר אַ סך מאָמענטן, בעתן לייענען, מאַכן אייך צו פילן ווי אַ שווערע תכריכים־דיקע קאַלטקייט נעמט אַרום אייער לייב. איר זייט פאַרוויקלט אין אַ נעץ פון תכריכים־ליין און איר קענט זיך ניט אַרויספּלאָנטערן פון דער תכריכים'דיקער קאַלטער נעץ . . .

און אַ פאַרצווייפלטער געדאַנק קומט פון דער גרויסער פיינלעכקייט.

אַזעלכע ביכער דאַרפן געשריבן ווערן פאַר די אומות העולם ; בפירוש, זיי פאַרשפּרייטן, אויסשליסלעך, פאַר די גויים ! אַוודאי דאַרפן זיי געשריבן ווערן אין יידיש; ווייל נאָר דאָס לשון וואָס האָט די מערסטע באַגלייט דורך די בייזע

פייערן צום אַש, איז מסוגל און זוכה צו ריידן און דערציילן דעם אמתדיקן ווי אויף ברענענדיקע אותיות, וואָס אויך זיי זיינען דורכגעגאַן די פייערן און אין זיך איינגעפלאַמט דאָס ליכט פון אַ פאָלק וואָס ליכטיקט העל אין די יידישע אותיות...

איבערזעצן, למען יעקב, אויף אַלע גויאישע לשונות, אָט־די אַלע ביכער. זאָלן זיי לייענען די אַלע גרוילן און דערפילן דעם שרעקעוודיקן טעם פון אַלע אימהדיקע טויטן.

עס פאָדערט זיך אַ שטאַרק גויאיש האַרץ צום לייענען דאָס וואָס אַזאַ שוואַך, צעבראָכן יידיש־צעוואונדיקט האַרץ, ווי לייזער ראַנ'ס, האָט אָנגעשריבן.

בעתן לייענען „אַש פון ירושלים ד'ליטע", בין איך ניט איינמאָל מיט מיין קאָפּ אַראָפּגעפאַלן אויף מיין לינקער האַנט, ווי פרומע יידן צום תחנון...

דאָס בוך איז געשריבן מיט קאָפּ און מיט האַרץ. און דער יידישער שרייענדיקער טראָפּ ליגט דאָרט אויסגעגאָסן פון די מיליאָנען בלוטיקע טראָפּנס אין אַ ים וואָס רוישט מיט די כוואַליעס צוזאַמען מיט אַלע זיבן ימען אויף דער ערד, פון אייביק אויף אייביק!

---

ז. בונין

# יורדים

אַזוי פיל יאָרן שוין פאַרביי,
און דאָס געמיט — אַזוי נאָך שווער,
און די וואונד,
אַזוי נאָך ניי!
און דאָס בלוט אין מיר,
ווי דאָס בלוט פון זכריהן,
הערט ניט אויף צו זידן
איבער מיינע זעקס מיליאָן
וואָס דער נאַצי־שעכטער
האָט פאַרשניטן.
נאָך פאַרפאָלגן מיך
די הילפלאָזע געשרייען
אַזוי קלאָר פון
די לעבעדיקערהייט
אין גאַז־אויוונס געוואָרפן.
איז ווי די שרצים טמאים
מיין ווידער־ווילן
צו יענע קליינלעך עולם־הזהדיקע,
וואָס בייטן אויס דעם מגן־דוד
אויף האַקן־קרייץ און סוואַסטיקע,
מיט אייגן ווילן —
צו זייער שאַנד
און קערן זיך צוריק
צום הונען־לאַנד.

**מ. פּערלמוטער**

# סובלימירטע כראָניק

וועגן י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך „וואַנדערונגען און נסיונות"
אַרויסגעגעבן פון „י. פרידלאַנד בוך־קאָמיטעט מיט דער
הילף פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב, 1959



י. פרידלאַנד

## 1.

די פינצטערע זכרונות פון נאַצישן כף הקלע האָבן פאַרשלונגען אַלע אַנדערע רעמיניסצענצן פון פאַר דער היטלער־תקופה. דער וואָרט־קינסטלער האָט בכן פאַרלוירן די פּערספּעקטיוו און ער דאַרף זיך אָנטאָן אַ כוח, סימולירן שיכחה לגבי יענעם פּעריאָד, בכדי אַרויסצופישן פון זייערע באַהעלטענישן די געשטאַלטן און איבערלעבענישן פון פאַרן־מבולדיקן עבר און זיי געבן אַ קינסטלערישן תיקון. איינער פון די, וואָס פאַרמאָגט דעם כוח אַריבערצושפּאַנען דעם נאַצישן תהום אויף צוריקוועגס, איז בלי ספק, י. פרידלאַנד.

י. פרידלאַנד, דער מחבר פון „רוי ערד" (זכרונות פון „קלאַריאָן") און „פון פּאַסיפיק ביז כנרת" (רעפּאָרטאַזשן פון אַ רייזע קיין ישראל), איז איצט אַרויסגעקומען מיט אַ בוך, „וואַנדערונגען און נסיונות", אין וועלכן דער אויבנאָן צווישן די ניינצן (19) דערציילונגען, הן קוואַליטאַטיוו, הן קוואַנטיטאַטיוו, פאַרנעמט די נאָוועלע „אין יענע טעג." אין דער דאָזיקער נאָוועלע באַמיט זיך דער מחבר — און נישט אָן קליינעם דערפאָלג — צו רעקאָנסטרואירן אַן עפּאָכע, וואָס איז, לויט אַ פאַרשפּרייטער מיינונג אין די שריפטשטעלערישע קרייזן, כמעט נישט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין דער יידישער קינסטלערישער ליטעראַטור: ס'איז נעמלעך יענער שטורעם־און־דראַנג צייט־אָפּשניט, אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, בעת די רוסישע 1905 רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, און די ערשטע גרונטאָוונע מרידה פון דער יידישער יוגנט קעגן טאַטע־מאַמע האָט אַריינגעטראָגן צערודערונג און חורבן אין די טראַדיציאָנעלע היימען. די קינדער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערע אידייען, און טיילן פון זיי האָבן זיך גלייך פון די בתי מדרשים און ישיבות פאַרגאַלאָפּירט אפילו צו „עקספּראָפּריאַציעס" אָדער „עקסן", ווי די־אַ „רעוואָלוציאָנערע" אוואַנטורע איז פאַרקירצט באַצייכנט געוואָרן. ס'איז געווען אַן „אַרויס לתרבות רעה" אין עכטן (און ערגסטן) זין פון וואָרט. אין אמת־אידעאַליסטישן דראַנג צום שלימותדיק געזעלשאַפטלעך לעבן האָט זיך אַריינגעשמוגלט די סטרא אחרא און דער אומפאַרמיידלעכער פּועל יוצא איז געווען — הפקרות אויף יעדן געביט, באַזונדערס אויפן סעקסועלן. מיטן צוזאַמענברוך פון יענער רעוואָלוציע האָט דער אויפגעקומענער „סאַניניזם" געפונען אַ רייפן באָדן פאַר זיין „תורה". דער באַציל פון דעמאָראַליזאַציע איז שוין געלעגן אין סאַמע וואָרצל פון דער יוגנט. ביי די איידעלע נאַטורן און ראַפינירטע כאַראַקטערן האָט די דאָזיקע צומישעניש און ברודיקער אויפברויז געשאַפן נשמה־

קאָנפליקטן און זיי האָבן זיך אינערלעך שווער געראַנגלט נישט מיטגעריסן צו ווערן פון אומריינעם שטראָם.

2.

אַזאַ איינער איז יואל, דער „העלד" פון פרידלאַנדס נאָוועלע. דער מחבר שילדערט אים, ווי אַ ייִנגל מיט אַ נאָבעלער, ריינער נשמה, מיט אַ סענ־סיטיוון חוש פאַר יושר און שיינקייט, וואָס אין זיין יוגנטלעכער תמימות איז ער נישט נאָר גרייט אויף מסירת נפש פאַר זיין סאָציאַלן צוקונפט־אידעאַל, נייערט ער באַמיט זיך דעם אידעאַל דורכצופירן אין זיין פערזענלעכן לעבן. ווערט ער טאַקע געשטעלט פאַר האַרבע נסיונות: ווען ער ווערט פון זיינע חברים אַריינגע־צויגן אין אַן „עקס", וועלכן ער גופא טאַקע האָט אויסגעפּלאַנעוועט צו מאַכן ביי זיינעם אַ רייכן פעטער (מחמת פאַרזיכט באַטייליקט ער זיך נישט דירעקט אין איבערפאַל), פייניקט אים ס'געוויסן מיט יסורים קשים, ביז ער ווערט געוואָר, אַז אַלץ איז דורכגעגאַנגען בשלום און אָן שפיכת דמים. ווען לילית, אין דעם געשטאַלט פון זיין באַלעבאָס' שיינער ווייבל, פּרוּווט אים פאַרפירן, ווערט ער נישט נכשל — צוויי מאָל אַנטלויפט ער פון איר פאַסטקע, נאָך אַ ביטערן קאַמף מיטן יצר הרע. איינמאָל בלויז פאַלט ער דורך, ווען ער פּרוּווט „ראַטעווען" אַ גאַסן־מיידל, און וועלכער ער פאַרליבט זיך: ער קאָן נישט גובר זיין דעם נסיון פון זיין יונגן גוף און ער פאַלט אַ קרבן.

די נאָוועלע שפּרייט זיך אויף אַ ברייטער קאַנווע מיט אַ סיפּור המעשה פון אַ כראָניקאַלישן כאַראַקטער, דורכגעפּלאָכטן מיט אַ באַשיינפּערלעך אויטאָ־היסטאָריאָגראַפישן עלעמענט (די פינף ייִנגלעך, וועלכע זיינען היינטערוועגס פאַרפּייניקט געוואָרן פון צווילדעוועטע פויערים, בעת זיי זיינען געגאַנגען העלפן דעם זעלבסטשוץ קעגן זשיטאָמירער פּאָגראָמשטשיקעס און אויך דער רוסישער סטודענט־אידעאַליסט, וועלכער איז געפאַלן אין זעלביקן פּאָגראָם פאַרטיידיקנדיק די ייִדן) — אַזוי, אַז דעם מחבר קומט נישט אָן שווער צו שאַפן פּסיכאָלאָגיש־סאָלידע און איבערציינגנדיקע סיטואַציעס.

דער עבר האָט די טענדענץ צו וויקלען זיך אין ראָמאַנטישע שלייערן; מעג אונדזער קינדהייט און יוגנט זיין געטונקען אין צער און טרויער, ווערן די דאָזיקע טונקעלע פלאַמעס אויפגעלייזט אין נאָסטאַלגישן געמיט פון די רייפע יאָרן. איינציקע, איזאָלירטע, ליכטיקע מאָמענטן פאַרמאָגן דעם כוח גובר צו זיין אַ ים מיט חושך פון אַ פאַרגאַנגענער צייט־פּאַנאָראַמע. אַזוי אין פערזענלעכן בכל יום לעבן און אַוודאי אַזוי אין שעפערישער איבערלעבעניש. די דאָזיקע טענדענץ מאַניפעסטירט זיך בולט אין דער נאָוועלע פרידלאַנדס. די כראָניק פון טראַגישע, געשיכטלעכע געשעענישן ווערט פון מחבר סובלימירט, באַהויכט מיט אַ קינסט־לערישן אָטעם און דער געראַנגל צווישן עפּישער דערציילערישקייט און פּסיכאָ־לאָגיש־דראַמאַטישן פאַרטיף אין דער נשמה פון זיין הויפּט־העלד (און טיילווייז — אויך פון זיינע אַנדערע פּערסאָנאַזשן), ווערט האַרמאָניש סינטעזירט. אַ שמייכל פון רייפער חכמה לאָזט ער לויכטן איבער יעדן פיינלעכן עפּיזאָד, איבער יעדער ייִנגליש־עקסטראַוואַגאַנטער אַוואַנטורע. ער פּישט אַרויס פון די זכרון־קאַטאַקאָמבעס לאַנג־פאַרגעסענע פאַרלויפענישן און זיי צאַפּלען אויף פאַר דעם לייענערס דמיון מיט וויברירנדיקער עמאָציע סיי אין זייער יוגנטלעך־ראָמאַנטי־שער נאַאיוויטעט, סיי אין זייער רייצנדיק־פאַרפירערישער עקסצענטרישקייט.

בכלל צייכנט זיך פרידלאַנד אויס מיט אַ גאָט־געבענטשטן זכרון פאַרן עברס פרטימדיקע פאַסירונגען — אַ רעקוויזיט, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר יעדן שעפערישן מענטש — און ער וועבט זיי מיט פרעציזקייט אַריין אין זיין קינסט־לערישן טעפיך.

.3

ס'טרעפט נישט זעלטן, אַז דערציילונגען (ווי אויך לידער), וועלכע מאַכן אַ טיפן איינדרוק, ווען זיי ווערן פאַרעפנטלעכט איינציקווייז, פאַרלירן פון זייער קינסטלערישער וואָג, ווען געזאַמלט צווישן צוויי טאָוולען. דאָס געשעט, ערשטנס, מחמת געוויסע איבערחזורונגען, וואָס גנבענען זיך אַריין בעת די דערציילונגען האָב געפראַוועט יחידות, אָבער „רייסן די אויגן" ווען זיי באַווייזן זיך בציבור; און צווייטנס, צוליב דוחק אין פאַרבינדלעכע פעדים, וואָס שאַפן אַ ספעציפישע אַמאָספערע און לייגן אַ חותם פון מחבר אויף זיינע ווערק.

פרידלאַנדס אַכצן קליינע דערציילונגען, וואָס האָבן זיך צוגעטוליעט צו זייער גרעסערער שוועסטער, דער נאָוועלע, און וואָס זיינען לכתחילה דערשינען צעוואָרפענע אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ליידן נישט פון אויבנדערמאָנטן חסרון. יעדע דערציילונג פירט איר אייגענע קינסטלערישע באַלעבאַטישקייט, פרעזערווירט איר אינדיווידועלן אַראָמאַט און דאָך שאַפט זיך אַ געמיינזאַמע אַטמאָספער, ווען אין געזעמל; זיי ווערן דורכגעוועבט פון אַ זוניקן פאָדעם פון אהבת ישראל. די מערסטע דערציילונגען שפילן זיך טאַקע אָפּ אין די (פאַרשני־טענע) יידישע שטעט און שטעטלעך מעבר לים, אָבער זיי ווערן אַלע דורכגעלאָזן, אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, דורך דער פריזמע פון מדינת ישראל, וואו זיי צעקניפּלען זיך אין אַ פריידיקן פינאַל.

דעם מחברס טעכניק צו דערציילן אַ מעשה מיט אַ „פרעמד מויל" איז אַן אַלטער קלאַסישער מעטאָד אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ווערט קיינמאָל ניט שאַבלאָן. באַזונדערס איז עס ווי אָנגעמאָסטן פאַר ישראל, וואוהין דער גורל האָט צונויפגעפירט יידן פון אַלע עקן וועלט; יידן, וועמעס טיף־טראַגישע איבערלעבע־נישן רייסן זיך „אַראָפּצוריידן פון האַרצן." גיט זיי פרידלאַנד די געלעגנהייט.

די דערציילונגען זיינען מערסטנס משעה שהיה'ס, אָבער דער מחבר גיט זיי אַ בעלעטריסטישן תיקון: ער פאַרוואַנדלט זיי אין מעשיות „שלא היו". ער ווייסט אויך דעם סוד פון פאַרוואַנדלען אַ מעשה שלא היה אין אַ מעשה שהיה און דאָס איז אַוודאי א הויכע דערציילערישע מדרגה. דאָס ערשטע מאַנעפעסטירט זיך אין דער מערצאַל דערציילונגען אונטערן טיטול: „איבער דער בריק פון דורות"; דאָס צווייטע — מערסטנס אין דעם לעצטן בוך אָפּטייל, אונטערן טיטול „קאַליפאָרניאַדע".

אין „קאַליפאָרניאַדע" ווייזט פרידלאַנד אַרויס גרויס באַגייסטערונג פאַר זיין אַדאָפּטירט לאַנד, באַזונדערס פאַר זיין היים — קאַליפאָרניע. אין זיין אַריינפיר (קאַליפאָרניע : אימפּרעסיע) זינגט ער אַ התלהבותדיקן הימן, אַ מזמור שיר צו זיין געליבטן שטאַט. די טאָפּעלע לאָיאַליטעט פרידלאַנדס — צו ישראל און אַמעריקע — איז אַ נאַטירלעכע, אָן אַפּאָלאָגעטישע פּאָדפאָרעס.

און זאָל פרידלאַנד נישט נעמען פאַר אומגוט: זיין פיין בוך וואָלט בלי ספק אַ סך געוואונען, ווען ער גופא, אָדער מיט דער הילף פון אַ „פריש אויג", וואָלט זיך גענומען די מי אויסצויעטן ביכטלעך שפּראַכלעכן ווילד־גראָז אין זיין

## איך וואַנדער און זוך דיך.

איך וואַנדער און זוך דיך אויף וועגן צעהעלטע
איך וואַנדער און זוך דיך אויף שליאַכן צעבלענדט,
איך זוך דיך אין הערצער מיט זומער באַזעלטע,
איך זוך דיך אין אויגן פון שטראַלן צעברענט.

איך וואַנדער און זוך דיך אויף וועגן צעשטערטע,
איך וואַנדער און זוך דיך אויף שליאַכן פאַרוויסט,
איך זוך דיך אין הערצער און אויגן פאַרטערטע,
איך זוך דיך אין פיין פון צערויעטן מיסט.

כ'בין מיד — עס שלאָפן פון לאַנג שוין די בינען —
דער וועג איז צו ענד באַלד. דער שליאַך שוין ביים ראַנד.
צו וועט נאָך אַמאָל, אין ליכט פון באַגינען,
אַ בליאַסק טאָן פון ערגעץ דיין אויסגעשטרעקט האַנט?...

## עפּעס געדענקט זיך

ליפּן, און אויגן, און העל־בלויער הימל.
שאָטנס צעשטיפּטע אויף פּורפּורנע גראָזן —
עפּעס געדענקט זיך, אַזוי ווי אין דרימל,
עפּעס דערמאָנט זיך, פון לאַנג שוין פאַרלאָזן.

בוימער, און פייגל, און טייכל, און שטערן,
אַטעם צעגליטער, אין פיינלעכע סודות.
מישט זיך אַ פריידיק געלעכטער מיט טרערן,
פלאַקערן בלוטן — און גאָט איז אַן עדות.

קימען אַן אַלטע חלומות צופליען,
גייען אויף לידער, פון לאַנג שוין פאַרגעסן.
פאַנגען פאַרלאָשענע פונקען אַן טליען,
פאַלט צו אַן אומעט און טוט אַזוי פרעסן...

---

בעלעטריסטישן גאָרטן — צייטונגס־לשון און קלישע־אימאָזשן גיבן נישט צו קיין געזונט אַ קינסטלעריש ווערק.

דער דוחק אין פלאַץ דערלויבט נישט זיך אָפּצושטעלן אויספירלעך אַנאַ־ליטיש אויף אַלע דערציילונגען; כדאי איז אָבער צו דערמאָנען די אויסגעצייכנטע, אין קינסטלעריש פסיכאָלאָגישן זין, צוויי דערציילונגען: „מיטן רבינס כוח" (זייט 149), און „זיידל באַיאָן" (זייט 158) און נאָך צוויי, אין ספּעקטאַקולער־בילדלעכן זין — (מסירת נפש" (ז. 208) און „די ברכה פון וואַסער" (ז. 215).

אין די דאָזיקע פיר דערציילונגען ווייזט פרידלאַנד אַרויס קינסטלערישע קראַפט, הן אין עפּישע שילדערונגען, הן אין נשמה פאַרטיף פון אַ הויכער מדרגה.

**נח גאָלדבערג**

# אַ רויט טיכל

(דערציילונג)

דאָס שטעטל האָראָדעץ האָט נאָך אַזאַ שיינעם ערב־פּסח ניט געזען. טעג האָבן זיך געשטעלט הויכע, בלויע און וואַרעמע. דער הימל האָט זיך געשפּרייט אַ טיפער און אַ ריינער. זעלטן ווען עס פלעגן דורכוואַנדערן אויף אים עטלעכע קליינינקע וואָלקנדלעך, ווי ווייסע שעפּסעלעך, און פאַרשווינדן.

דעם מאָנטיק אינדערפרי איז די אַלטע ברכה לאה אַרויס פון שטיבל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל און איר האַרץ איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פרייד. אַ דינער שמייכל האָט זיך געמיניעט אויף איר גערונצלטן פּנים:

— דאַנקען גאָט וואָס דער פרילינג איז שוין געקומען.

פאַרן פּסח, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן נאָענטער — האָט זיך ברכה לאה ניט געשראָקן. זי ווייסט וואָס צו טאָן. אַנשטאָט אַ פּוד, וועט זי דעם יאָר לאָזן באַקן צוואַנציק פונט מצות. וועט קויפן אַ האַלבן זעקל בולבעס און אַביסל טוקעווען שמאַלץ וועט זי אויך קריגן ביי שרהן דער קצבטע, און דערצו אפשר אַ שטיקל פלייש. מילאַ וועט זיין ווינציקער „פּאַטראַוועס" ווי דאַן, ווען איר מענדל, עליו השלום, האָט געלעבט. אָבער וואו וועט זי נעמען אַ פאַטשיילע אויף יום־טוב? מיטן הוילן קאָפּ קאָן דאָך אַ יידענע ניט גיין!

מילאַ אַ גאַנץ ווינטער איז זי אַרומגעגאַנגען אין אַ רויט טיכל, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פונם לאַנגן שטעקן, וואָס די באַלשעוויקעס האָבן פאַרגעסן מיט־צונעמען ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון שטעטל — איז נאָך געווען צו דערליידן. אָבער יום־טוב אָן אַ לייטיש טיכל אויפן קאָפּ? דאָס האָט איר איצט פאַרקירצט די יאָרן און פאַרטריבן די פרייד פון פּנים.

אַז זי האָט זיך גוט אויסגעזיפצט אויף איר פינצטערער דאַליע — איז זי צוריק אַריין אין שטיבל און לכבוד יום־טוב אָנגעהויבן אויסצופוצן די „נחלה". די ציגל, וואָס זיינען דורכן ווינטער געווען אַרויסגעפאַלן פון אויוון, אָנגעשמירט מיט צעקנאָטענעם געלן ליים און זיי צוריק אַריינגעקוועטשט אין די פאַסאַזשעטע לעכער. דערנאָך האָט זי אין צעבער צעלאָזט די דריי קעפּלעך קאַלך. אויפן לאַנגן שטעקן, פון וועלכן זי האָט אַראָפּגענומען דאָס רויטע טיכל — אָנגעבונדן שמאַ־טעס, שטיקלעך זעק, און מיט דעם אויסגעווייסט דאָס שטיבל, וואָס האָט זיך צעשיינט און צעגלאַנצט ווי אַ נייע, ווייסע ליאַלקע.

עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג, ווען ברכה לאה איז פאַרטיק געוואָרן מיטן קאַלכן די ווענטלעך. איצט האָט זי אין אַ באַליע איינגעווייקט אַ פּאָר שטיקלעך גרעט, אויך די רויטע פאַטשיילע אויסגעוואַשן און אַרויפגעהאַנגען אויפן פאַרקאַן צום טריקענען אין זון.

גראַדע איז פאַרבייגעגאַנגען דער „סאָצקי" פון שטעטל. דערזען אַז ביי ברכה לאהן אויפן פּלויט איז געהאַנגען אַ רויט טיכל און געפלאַקערט ווי אַ פאָן אינם ווינטל, איז אים די מעשה געוואָרן שטאַרק פאַרדעכטיקט. אַ ווילע איז ער געשטאַנען, באַטראַכט דאָס רויטע טיכל און דערנאָך מיט האַסטיקע טריט אַוועק־געגאַנגען אין דער גמינע.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען אָנגעקומען פּוילישע זשאַנדאַרמען מיט בלאַנקע שווערדן. זיי האָבן גיך אַרומגערינגלט ברכה לאהס שטיבל. אַ פּאָר פון זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אינווייניק און דער עלצטער האָט אַ דונער געטאָן:

— זשידאָווקאַ! וואו האָסטו דאָס גענומען די רויטע פאָן? וועלכער קאָמי־סאַר האָט דאָס דיר געהייסן אַרויסהענגען זי אין דרויסן?

— קינדערלעך — האָט זיך ברכה לאה געבעטן בײַ זיי — איך בין אַ וויסטע אַלמנה! כ׳האָב גאָרנישט! די עטלעכע גראָשן וואָס מײַן מענדל האָט איבער־געלאָזט, האָבן אייערע צוגענומען נאָך איז מיטןווינטער. טשעפּעט מיך ניט! האָט גאָט אין האַרצן . . .

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך ניט צוגעהערט צו אירע רייד, צו איר בעטן זיך. זיי האָבן אויפגעריסן די שיטערע קישנס, צעשטאָכן דעם שטרויענעם סעניק, געזוכט אין פּאָפּליץ אין קוימען, מיט גראָבאייזנס אויפגעראַיעט דעם ערדענעם דיל און קיין אַכט ניט געלייגט אויף דער יידענעס געוויין.

דערווײַלע איז דאָס פּאַטשטאָווע געסל, וואו ברכה לאהס שטיבל איז גע־שטאַנען — שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן. עלטערע יידן מיט אויסגעבלייכטע פּנימער, האָבן מיט פּחד אין די בליקן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן און אויף שטום־לשון געגעבן צו וויסן: „שוין ווידער אַ צרה!״... דאָס יונגוואַרג האָט זיך באַהאַלטן אויף די בוידימער, אין קעלערס, אין שטאַלן, און האָבן מורא געהאַט אַ קאָפּ אַרויסצושטעקן אינדרויסן. יעדערער האָט געטראַכט: „מען דאַרף זען וואָס דאָ וועט זײַן און טאָמער עפּעס וואָס? . . .

און כאָטש מען איז שוין געוואוינט געווען צו זען ווי מען אַרעסטירט יונגע בחורים, מיידלעך און אפילו יונגעלייטלעך, דאָך האָט זיך קיינער ניט געריכט, אַז דער פרומער און אַלטער ברכה לאהן וועט מען צונעמען. זײַנען די יידן געשטאַנען מיט צעעפנטע מײַלער, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און ניט געלויבט אַז אַזאַ זאַך איז גאָר מעגלעך.

מיטאַמאָל האָט די פּאַרטקע פון הויף אַ סקריפּע געטאָן און עס האָבן זיך באַוויזן די פריערדיקע זשאַנדאַרן, מיט ביקסן אויף די אַקסלען און שווערדן בײַ די זייטן. צווישן זיי, מיט פאַרבונדענע הענט אויף הינטן, איז געגאַנגען ברכה לאה. ווען זי האָט דערזען דעם גרויסן עולם, האָט זיך איר געוואָלט אַ געשריי טאָן: „יידן, ראַטעוועט!״ נאָר אין דער רגע זײַנען די ווערטער געבליבן שטעקן אין האַלדז און קיין קלאַנג איז פון דאָרטן ניט אַרויסגעקומען.

נאָך שרעקלעכער פאַרן אַרעסט זײַנען פאַר ברכה לאהן געווען די ערשטע צוויי טעג אין תּפיסה. אַלע אַרעסטירטע האָבן פון איר געחוזקט, נאָכגעקרומט איר גיין, איר שטיין. אין קאַמער האָבן זיך די מינוטן געצויגן ווי יאָרן, ווי אייביקייטן. איטלעכער שאָרך וואָס האָט זיך אַהער פאַרקליבן פון דרויסן, צי אפילו אין קאָרידאָר — האָט איר ווי מיט נאָדלען געשטאָכן דאָס האַרץ: ערב יום־טוב! וואָס וועט זײַן, וואָס?

אויפן דריטן טאָג, ווען בײַ ברכה לאהן אין די קאַליע געוואָרענע אויגן האָבן שוין קיין טרערן ניט געקלעקט און זי איז ווי אַן אָסאַלאָפּיִיעטע געשטאַנען אין מיטן קאַמער און געקוקט אין דער תּפיסה האַלב־טונקלקייט, איז אַרײַנגעגאַנגען דער וועכטער און שטרייַנג געזאָגט:

— אַלטע! גיי! מען רופט דיך צום „פאַרהער״.

אין דעם „אויספאָרשונגס צימער" וואו דער פאַרהער האָט געזאָלט פאָרקומען, האָבן העל געברענט צוויי פּערציקער לאָמפּן (כאָטש אין גאַס איז געווען גרויסער טאָג) און מיט זייער שיין געבלענדט ברכה לאהס רויט פאַרלאָפענע אויגן.

אַן עלטערער זשאַנדאַר, אין לאַקירטע שטיוול, איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער יידענע, איר אַ ווײַלע באַטראַכט און זיין רויטער, פולער פּנים האָט זיך פאַרקרימט, ווי פון אַ פּלוצימדיקן צאָן־ווייטאָג. ער האָט אָבער אַרויפגעצויגן אַן ערנסטע מינע און זיך אָנגערופן:

— זאָגט נאָר, מומעניו... איך בעט אייך... וואו האָט איר גענומען די רויטע פאָן? ווער זיינען דאָס אייערע שותפים?... האָט קיין מורא ניט! איך וועל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן... איך בין אייך אַ פריינט, איר פאַרשטייט?... דערציילט אַלעס פּאָדראָבנע ! . . .

ברכה לאה האָט קיין פויליש ריידן ניט געקאָנט. איז זי געשטאַנען אַ פאַר־לוירענע. מיט איין האַנט האָט זי פאַרשטעלט די ליכטיקע שיין פון די לאָמפּן, מיט דער אַנדערער—געוויקלט אַ ברעג פאַרטוך און איר בלוטלאָזע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט:

— האָט רחמנות! טשעפּעט מיך ניט. איך בין אַ קראַנקע, אַן אַלמנה, אַן עלנטע אַלמנה. שוין באַלד פּסח און איך האָב נאָך גאָרנישט געטאָן ! האָט גאָט אין האַרצן. . .

דעם „אויספאָרשערס" פּנים האָט זיך נאָך מער פאַרקרימט. אַ ווײַלע איז ער מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן אַרומגעגאַנגען איבער דער געראַמער קאַנצע־לאַריע. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן ברכה לאהן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אין דער רגע איז זיין געלאַסנקייט פאַרשוואונדן. זיין פּנים האָט אָנגענומען אַ שרעקלעכע גרימאַסע. מיט רציחה אין קול האָט ער איצט געשריען אויף איר:

צום טייוול מיט אייער זשידאָווסקן גאָט! זאָג דעם אמת, דו אַלטע מכשפה ! ביזט אַ שפּיאָנקע ! ווער האָט דיר באַפוילן אַרויסצוהענגען די רויטע פאָן?

זי איז געשטאַנען קעגן אים און עס האָט איר אָנגעהויבן וואַרפן אין היץ און אין קעלט. די פּאָר איבערגעבליבענע ציין אין מויל האָבן פון שרעק אונטער־געטאַנצט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויספליען פון דאָרטן. זי האָט דערפילט אַז איר סוף איז אָנגעקומען. האָט זי ניט געענטפערט דעם שרייענדיקן זשאַנדאַר און אָנשטאט דעם שטיל געשעפּטשעט: ש מ ע י ש ר א ל . . .

פון איר שעפּטשען איז ער נאָך ווילדער געוואָרן. אין זיינע שמאָלע, בלויע און בייזע אויגן האָבן זיך וועלפישע פייערלעך אָנגעצונדן:

— האָסט אויפגעהאנגען די רויטע פאָן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן קומען אַהער ? !

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען מען האָט ברכה לאהן אַריינגעפירט צום קאָמענדאַנט פונם גאַנצן געגנט. דער פריערדיקער „אויספאָרשער" האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די „קאַבלוקעס". ער האָט צוגעלייגט צוויי פינגער צום גע־שטרייפלטן דאַשעק און אויסגעצויגן זיך פאַרן קאָמענדאַנט אין זיין גאַנצער הויך:

— דערלויבט מיר אייך צו מעלדן, וועלמאָזשני קאָמענדאַנט, אַז זי איז אַ קלוגע זשידאָווקע ! זי רעדט ניט קיין וואָרט!... אָבער איך בין זיכער אַז זי איז אַ קאָמוניסטישע שפּיאָנקע !

דער קאָמענדאַנט, אַ מיטלוואוקסיקער, מיט שוואַרצע, פאַרשפּיצטע וואָנצעס, וואָס זיינען אים אַריינגעקראָכן אין די נאָזלעכער, האָט אַוועקגענומען די בליקן פון דער הורבע פּאַפּירן, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים אויפן שרייב־טיש. ער האָט אַ פאַמעלעכן קוק געגעבן אויף דער אַלטער יידענע, אויף איר צעקנייטשט פּנים, אויף די פאַרבראָכענע הענט, און אַ הויב געגעבן מיט די אַקסלען:

פאַרוואָס, אַלטעטשקע, ווילט איר זיך ניט מודה זיין, אַז איר זיינט אַ באָל־שעוויטשקע, אַ שפּיאָנקע?... זאָגט דעם אמת וועט איר בעסער מאַכן. האָט ניט קיין מורה. איר זיינט דאָ צווישן פריינט...

די פאָליטורטע טיר האָט זיך מיטאַמאָל צעעפנט און אַ זשאַנדאַר מיט פלינקע טריט און חוזק אין די אויגן איז צוגעקומען צום קאָמענדאַנט. ער האָט אים עפּעס אַריינגערוימט אין אויער און גיך אַוועקגעגאַנגען. אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט זיך אין טיר באַוויזן דער רב מיט צוויי באַלעבאַטים פון שטעטל. דער רב, אַ הויכער, מיט אַ פוכאָווער ווייסער באָרד און געדיכטע, זילבערנע ברעמען, וואָס זיינען אַראָפּגעהאנגען איבער די ליכטיק בלויע אויגן — איז צוגעגאַנגען צום קאָמענדאַנטס שרייב־טיש:

— צוליב וואָס האַלט איר דער יידענע? איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. בין אַ סך יאָרן רב אין שטעטל און איך שווער אייך ביי אַלץ וואָס מיר איז הייליק, אַז זי, ברכה לאה, מענדל דעם מלמדס אַלמנה, איז אַן ערלעכע, אַ פרומע פרוי און ווייסט ניט פון די זאַכן איר וועלכע איר באַשולדיקט איר.

איינער פון די באַלעבאַטים איז דערווייל צוגעגאַנגען צו ברכה לאהן און געפרעגט:

— ברכה לאה, דער קאָמענדאַנט זאָגט, אַז איר האָט אויפגעהאָנגען אַ רויטע פאָן און מען האָט ביי אייך געפונען בילדער פון באָלשעוויקעס. איז דאָס אמת?

ערשט איצט האָט די אַלטעטשקע ביסלעכוויז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס מען וויל פון איר. דעריבער האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן אויפן בלאַנקן דיל או איז מיט די לעצטע כוחות צוגעגאַנגען צום רב. מיט אַ ציטער אין די שפּיץ־פינגער האָט זי אים אָנגענומען ביי אַ ברעג אַרבל פון זיין אָפּגעטראָגענער קאַפּאָטע:

— צו מיינע שונאימס קעפּ זאָל דאָס אויסגיין! געהערט אַ מעשה? רבי, דאָס איז דאָך די רויטע פאַטשיילע, וואָס איך האָב אַראָפּגענומען פונם שטעקן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן איבערגעלאָזט ווען זיי זיינען אַנטלאָפן פון שטעטל. איך האָב דאָס אַ גאַנץ ווינטער געטראָגן און לכבוד פּסח אויסגעוואַשן און אויפגעהאנגען אויפן פּאַרקן צום טריקענען. און די פאָטאָגראַפיעס האָבן אויך די באָלשעוויקעס איבערגעלאָזט ווען זיי זיינען איינגעשטאַנען ביי מיר אין שטיבל. איך ווייס ניט ווער זיי זיינען. זאָל מען דאָס צונעמען. מיך אַרט ניט. וואָס וויל מען פון מיר, רבי? אַלעמיי מוטשעט מען מיך? איך בין אַן אַלטע אַלמנה. ראַטעוועט מיך. שוין באַלד פּסח. איך דאַרף צוגרייטן אויף יום־טוב און מען האַלט מיך דאָ!

דער רב האָט גראַדע געקענט ריידן פויליש. דעריבער האָט ער איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט אַלץ וואָס ברכה לאה האָט דערציילט. ער האָט גאָרניט צוגעלייגט און גאָרניט אַראָפּגענומען. ער האָט בלויז פון העפלעכקייט וועגן איידל געזאָגט:

— מסתמא איז דאָס געווען אַ טעות, וואָס דער פריץ וועט געוויס פאַרריכטן...

דער קאָמענדאַנט, וואָס איז געווען אַ קלוגער קערל האָט מיט זיינע קוקערס

דורכגעגומען דער אַלטער יידענע, דעם רב מיט די באַלעבאַטים, און פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע מעשה קלעפּט זיך עפּעס ניט און לייגט זיך אים ניט אויפן שכל. איז ער פלינק אויפגעשטאַנען פון בענקל, צוגעגאַנגען צו ברכה לאהן, צוגעלייגט צווי פינגער צום שוואַרצן, גלאַנציקן דאַשעק, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן מיט גילדערנע שטרייפן, און ער האָט זיך פאַרנויגט פאַר איר:

—„פשע פראשעם פאנא"! ווי איר זעט האָבן מיר געמאַכט אַ טעות. איר קאָנט גיין. מער וועט מען שוין אייך ניט באַלעסטיקן.

שפּעטער ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט ברכה לאה געטראָפן אַ פולע שטיבל מיט מענער און פרויען, וואָס זיינען איר געקומען מקבל־פנים זיין. עלטערע יידענעס זיינען איר אַנטקעגן געגאַנגען און געקרעכצט:

— אַי וואָס זיי האָבן פון איר געמאַכט!

אַ שכנה האָט איר אַריינגעטראָגן אַ טעלער קרופּניק און צעשריען זיך אויפן אַנגעלאָפענעם עולם:

— וואָס האָט איר זיך צוזאַמענגעלאָפן? לאָזט אַ מענטשן אָפּדעכען! מען שטופּט זיך ווי אויף אַ חתונה. גייט אַהיים, גייט! קיין לעקאַך וועט איר דאָ נישט קריגן...

און ברכה לאה, ווי זי וואָלט געקומען פון יענער וועלט, אַ שטילע, אַן אויס־געלייטערטע, איז דורכגעגאַנגען צווישן עולם און יעדערן באַדאַנקט, מיט אַ שוואַכן שמייכל אויף די בלויע ליפּן, פאַרן כבוד וואָס מען האָט איר צוגעטיילט און געקומען איר זען. דערנאָך האָט זי זיך אַ מידע אַריינגעוואָרפן אין בעט, צום קרופּניק ניט צוגערירט זיך און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן שלאָף.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז זי געגאַנגען באַשטעלן מצות אויף פסח. אין „פּאַדראַד" איז געווען טומלדיק און פריילעך ווי אַלע יאָר אין דער צייט. נאָר היי־יאָר איז קיין יונגוואַרג ניט געווען צו זען. זיי האָבן זיך אָפּנים אויסבאַהאַלטן פון דער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט טאָג און נאַכט געמאַכט „אַבלאַוועס", געזוכט באַלשעוויקעס, און ביי די פּאַליאַקן איז יעדער יונגער מענטש געווען אַ באַל־שעוויק. עלטערע יידן מיט צעכראַסטעטע העמדער און צעשויבערטע בערד האָבן געקנאַטן „מיירעס". אויפן אויסגעוועלגערטן טייג — גערעדלט קרומע שורות רעדעלעך, ווי מיסטישע אותיות. אַ ייד מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים האָט אויף אַ לאַנגן שטעקן „געזעצט" די דינע בלעטלעך אינם אַנגעגליטן אויוון און פון דאָרט אַרויסגעצויגן (שוין אויף אַ שמאָלער און לאַנגער לאָפּעטע) אַביסל פאַרברוינטע מצות און דאָס געוואָרפן אין דער גרויסער, צוויי־אויערדיקער קאָרזינע, וואָס איז געווען אויסגעבעטן מיט היי.

אַז זיי האָבן דערזען ברכה־לאהן אַריינקומען האָבן זיי אויף אַ רגע אויפגע־הערט אַרבעטן און אַלע האָבן אַ געשריי געגעבן:

— אַ גוט מאָרגן אייך, ברכה לאה! אַנגעליטן זיך ביי זיי האַ? וואָס מאַכט איר איצט?

— דאַנקען גאָט — האָט זי שטיל געענטפערט. מסתמא דאַרף זיין אַזוי. ווער קען וויסן זיינע וועגן...

פאַרן כלל אין תפיסה געזעסן, האָט מען ברכה לאהס „מיירע" לאַנג גע־קנאַטן; דערנאָך דאָס גערעדלט מיט אַזויפיל ליבע און ציטער אין די פינגער, ווי זי וואָלט ניט געווען קיין פּשוטע יידענע, נאָר פון ערגעץ אַן אַראָפּגעקומענע

צדקניות. אפילו שלמה אַלמן, אַט־דער טרעגער, ווי מ'האָט אים גערופֿן, וואָס האָט איר געבראַכט די מצות אין שטיבל אַריין, איז געבליבן שטיין אַנטקעגן ברכה לאהן מיט דרך־ארץ. ער האָט איר כּאַטש געוואָלט זאָגן אַ טרייסט־וואָרט נאָר ניט געקאָנט. ער האָט בלויז אַרויסגעשטאַמלט:

— האָט מיר אַ כשרן פּסח.

און זי, מיט אויפגעלויכטענעם פּנים, האָט אים באַדאַנקט און באַגלייט צום טיר. דערביי האָבן זיך אירע קינבאַקן צעפלעמלט און אַ יוגנטלעכן פאַרב. אַ פאַרשעמטע פאַר דער דאָזיקער צעפלאַמטקייט האָט זי דערנאָך מיט מער עקשנות, מיט מער אימפּעט זיך גענומען צו דער אַרבעט און געגרייט זיך אויפן אָנקומענ־דיקן ערב פּסח.

משה גלאַזער

# לךְ־לךְ

לך־לך — גיי! — גיי אַרויס
פון דיין לאַנד, דיין אָפּשטאַם
און פון דיין פאָטערס הויז . . .
הערט זיך גאָטס זאָג צו אַבר(ה)מען
פון דעם חומש אַרויס.
— לך־לך — גיי דיר — גיי אַרויס!

נעמט אַבר(ה)ם זיין ווייב שר(ה)י,
זיין ברודערס זון — לוט,
זיינע אָנגעהאָטעטע נפשות
און דעם גאַנצן פאַרמעג וואָס ער האָט געהאַט,
און ער איז פון חרן געגאַן
צו דעם לאַנד כּנען . . .

איז אַבר(ה)ם געגאַן און געגאַן . . .
ביז ער איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד כּנען...

דאָרט — אויף אַ געוויסן אָרט —
„אלון־מורה" — איז דער נאָמען . . .
האָט זיך באַוויזן גאָט צו אבר(ה)מען
און געזאָגט:
„דאָס דאָזיקע לאַנד גיב איך צו דיין זאָמען —
צו די וועלכע וועלן פון דיר אָפּשטאַמען.

לך־לך — גיי!
ווערט אין חומש דערציילט
כּמעט אַזוי.

י. פרידלאַנד

# אין גערא̈נגל

(רעטראָספעקט)

די מאַמע איז געשטאַנען אין אַ קרעמל,
געהאַנדלט מיט טעפּלעך און טעלער;
דער טאַטע איז געזעסן איבער אַ ספר
ביים עסטיש, אין שטיבל פון קעלער.

געווען איז דער קעלער אַ קליינער
מיט טרעפּלעך פיר שמאָלע און לאַמע;
אַ קיך, אַ צימער, אַן אַלמער
און פענצטער, צוויי קליינע און קרומע.

פרנסה פון קרעמל אַ קליינע,
קוים אויפן „שפּיץ פון אַ מעסער״,
אויך דעם טאַטנס פאַרדינסטן געווען איז
פיל נישט גרעסער און בעסער.

חוץ אַריינקוקן אין אַ ספר,
האָט ער אויך געוועבט טליתים;
פון ביידע פרנסות געפּייפט האָט
דער דלות, ווי אין אַ שטיבל פון מתים.

כ׳געדענק:
דער טאַטע האָט ליב געהאַט זינגען,
פלעגט אונטערברומען אַ ניגון אין אומעט;
אַט זע איך אים ביי שחרית און מוסף;
אים האָט תמיד געצויגן צום עמוד.

געדאַוונט האָט ער מיט נגינה,
אויך ניט זעלטן געווען אַ בעל-קורא;
הגם ניט געווען קיין גרויסער למדן,
האָט אָבער מתעסק געווען זיך מיט תורה.

מיר זיינען צוויי זין און אַ טאָכטער,
געבליבן פון קינדער אַ טוצן;
האָט מען געלעבט און געהאַוועט ווי אַלע
קבצנים, פאַר עפּעס אַ נוצן.

מיין עלטערער ברודער, צבי פינחס,
האָט׳ן אָפּגעגעבן אויף אַרבעט צו אַ סטאָליער;
מיך האָט געצויגן צו אותיות, צו בילדער,
ווערן אַ דרוקער, אַ מאָלער.

בין איך געווען אין אַ דרוקאַרניע אין דער לער,
די גרעסטע אין זשיטאָמיר, וואָלין.
געדרוקט האָט׳ן דאָרטן פיל ספרים,
פלעג איך אָפטער אריינקוקן דערין.

איז עס געוואָרן ביי מיר אַ רגילות,
נישט פאַרבייגיין אַ געדרוקט שטיקל פאַפיר;
ווי אַ ייד אַ פרומער, אַ שיימע,
ס׳אויפהייבן, מיט אויגן און ליפן באַריר.

כ׳בין מקנא געווען דאָרט די זעצער
ביי די קאַסטנס מיט אותיות פון בליי;
פלינק האָבן זיי זאַצן געפורעמט,
פאַר מיינע אויגן זיינען ביכער פאַרביי.

כ׳האָב אָבער געמוזט די דרוקאַרניע פאַרלאָזן:
געווען אַ צו-טייערער ביסן פאַר מיר!
בין איך געוואָרן אַ פאַרבער, גענומען פאַרדינען
און געקאָנט זיך טאַקע געבן אַ ריר!

געמאָלן אין שטיבער, אויך אין דרויסן אויף דעכער—
פריי ווי אַ פויגל געווען!
גענומען אויך מאָלן פאַרטרעטלעך און בילדער,
געוואָלט זען וואָס פון דעם וועט געשען.

ביים באַלעבאָס מיינעם געאַרבעט האָט אַ קינסטלער,
אַ מאלער פון פאַרטרעטן אין אויל;
געווען איז ער אַ מיינסטער אַ גאָט-געבענטשטער;
אָפט געשיכורט און אויך געווען פויל.

געוואָרן בין איך זיין געהילפס-יינגל;
אים געהאָלפן די לייוונטן באַציען,
צווישן צוויי שטיינער פאַרשיידענע פאַרבן
צעריבן, צום פיינסטן, צום דינסטן פון דין.

מיין באַלעבאָסטע געווען איז אַ פראַכט פון אַ שיינהייט!
האָט ער געמאָלן זי כמעט ווי אין „ניוד״;
איר הויט איז געווען ווי פון מילך און רויזן
און אויגן אַ פאָר — אַ זוניקע ראָד!

אין הויף האָט געוואוינט אַ יידישער שכן,
אַ יונגער, אַ שטאַרקער, אַ שיינער ביז גאָר.
פלעגן זיי אָפטע „ראַנדעוואוס״ מאַכן;
געווען וואָלטן זיי ביידע אַ פאַסיקע פּאָר.

בין איך געוואָרן זייער פּאַרטרויטער שליח:
איבערגעגעבן צעטעלעך פון אים צו איר;
געגאַנגען אַ שליחות, אָפּט קויפן „פּאַטראָוועס",
מתנות געבראַכט איר, אפילו אַ שיר!

כ'האָב צוגעזען אַלץ, געהערט און געשוויגן;
מקנא געווען דעם שכן פון הויף;
זי איז געוואָרן מיין וואונטש און מיין חלום,
ווען כ'וועל ווערן אַ גרויסער, זיין ראוי דערויף!

יינגלשער חלום, יוגנטלעכער בענקען:
יעדע שיין־פרוי ווערט דיין האַרצנס באַגערן,
אָבער זי איז געווען די פרוי פון פולקאָמען —
קיין איינער בכוח האָט געקענט זיך איר ווערן!

וואָס זאָל איך אייך ברייען, כ'בין קיין קינסטלער געוואָרן,
כ'האָב פּשוט פאַרדינען געדאַרפט אויף ברויט.
האָב איך גענומען דעם פּינזל, די שפּאַכליע און לייטער,
אויף בנינים געקלעטערט, אין סכנה פון טויט.

מיין ברודער געוואָרן איז איינער פון „די דאַזיקע",
פון אַ סאָציאַליסטישן קרייזל אין דער היים;
אַלץ אַרום אים איז געווען ווי אַ מיסטעריע,
געהיט זיך, געהאַלטן זיך שטאַרק אין געהיים.

האָב איך איינמאָל גענומען פון ברודער דעם ביישפּיל,
אויך אַריין אין דעם רעוואָלוציאָנערן פאַראיין;
געגאַנגען אויף קרייזלעך, אויף „סכאָדקעס" געהיימע,
געלערנט סאָציאַליזם און קאַמף צו פאַרשטיין.

און...
פּאַסירט האָט עס איינמאָל, אַ פרייטיק־צו־נאַכט,
נאָכן פראַווען דעם שבת מיטן טאַטן ביים טיש,
בין איך אַוועק אין אַ קרייזל אַזאַ אַ געהיימען;
פון דאָרטן זשאַנדאַרמען האָבן געבראַכט מיך מיט רעש.

דער טאַטע דערשראָקן, די מאַמע פאַרצווייפלט;
מ'האָט איבערגעקערט איינגאַנצן דאָס שטיבל, דעם קעלער;
אַ נס וואָס מ'האָט דאָרטן גאָרנישט געפונען;
מיך צוגענומען סיווּוי פון הויז האָט מען שנעלער.

צו מאָרגנס אין בית־מדרש איז געווען אַ גערודער;
דעם גבאים אַ טאָכטער, אַ געלערנטע, באַרימטע,

האָט אין זעלביקן קרייזל געלערנט „פּאָליטאָ“,
איז אויכעט געווען צווישן די אַרעסטירטע.

דער טאַטע האָט נאָכדעם אַביסל גרינגער געפילט שוין
וואָס ער איז נישט אַליין מיט אַזאַ שטראָף פון גאָט:
„צרות רבים חצי נחמה“—
האָט ער דערנאָך דער מאַמען באַרואיקט געזאָגט.

אַגב, דערמאָנען וויל איך אויכעט מיין שוועסטער;
נעבעך אַן עקרה געווען איז זי גאָר:
קיינמאָל קיין נחת און טעם פון קינדער
ניט געהאַט, ניט געוואוסט אויף דער וואָר.

נאָר וואָס איז דער חילוק אַצינדערט?
יאָ קינדער, ניט קינדער, ווייניק צו וויפיל:
אומגעקומען זיינען דאָרט אַלע ביז איינעם,
סיי מאַמע, סיי טאַטע און אויך אַ בעל מטופל.

געמוזט האָב איך נאָכדעם שוואַרצן די גרעניץ,
פון פּאָגראָם-לאַנד אַנטלאָפן.
האָב געוואָנדערט איבער שטעט און לענדער,
ביז כ'האָב געפונען אַ זיכערן האפן.

איז גוט כאָטש וואָס מיך האָט דער גורל פאַרוואָרפן
אין דעם לאַנד פון די „פרייע און בראַווע.“
געאַרבעט דאָ שווער, געביטן פרנסות;
געווען רירעוודיק און ניט ווייניק זשוואַווע.

איבערגעטאָן דאָ כלערליי מלאכות:
אַ פאַרבער, אַ בויער, אפילו אַ פאַרמער:
אַ קאָלאָניע געשאַפן, אַ יידישע „קלאַריאָן“.
געווען דאָרט אַ לעבן אַ שווערער, אַ האַרבער!

געווען בין איך איינער פון צוועלף פּיאָנערן,
פון די ערשטע דעם ווירגינישן באָדן באַטראָטן;
דאָס „בראָש-לאַנד“ דאָס ווילדע צוערשט אויפגעבראָכן
און אויך זיך אַליין איבערגעקנאָטן.

געווען זיינען מיר דאָרטן שוין זעכציק משפחות,
און געפילט האָבן מיר היימישער, אייגענער, יידישער:
גע'יום-טוב'ט, געפייערט אויך שרייבערישע אָוונטן,
אָפטער געפילט דאָרטן פריידיקער, קינדערשער.

איינגעלעבט זיך אין דער דאָרטיקער ווילדערניש,
צום וועטער, צו סביבה און אַרומיקן קאַנט;

אויף „בראָנקעס“ גערײטן ווי הי־געבוירענע,
געווען גרייט צו צעברעכן די שטיינערנע וואַנט.

געוואָלט האָבן יידן לעבן צוזאַמען;
פון פּראַצע פון שווערער, פון אַרבעט ביי ערד.
אַ ישוב אַ נייעם, מיט יידיש בעיקר—
האָט ווילדע נאַטור אונדז ניט ווייניק געשטערט:

שטורעמס און ווינטן, שנייען און פרעסט,
האַרט ביים מדבר, פון גרוים יוטאַ־טאָל;
צומאָל נישט קיין וואַסער פאַר קינדער צום טרינקען,
דאָך, גייסט נישט צעבראָכן — אייזן און שטאָל!

אַזוי האָט מען זיך געראַנגלט צווישן צווייפל און האָפענונג;
נישט געוואָלט האָט מען אַוודאי ס׳זאָל אַלץ גיין פאַרלאָרן!
האָט׳ן געפּרוּאווט און געפּלייסט זיך, אפשר און טאָמער
וועט מען דאָך זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

אָבער, ס׳האָט ניט געהאָלפן זיך קליגן און דרייען—
אַ טרוקענעם באָדן געקראָגן.
אונדזער פּראַצע, עקשנות און יוגנט־חלומות
האָבן מיר אויף די פּריירים און מדבר פאַרלאָרן.

געוואָרן איז...
אוים מיטן ישוב — אַ טעות אין חשבון;
נישט געבליבן קיין מוט מער פאַר פּראָבן!
אַוועק צוריק יעדער איז, אויף אייגענער אחריות
צו שטאָטישע פּרנסות און רייכטום דערזוערבן.

אָט זע איך איז איינער אַ קרעמער געוואָרן;
אַ צווייטער גענומען זיך העמדער צום נייען,
אַ דריטער, מיט עופות גענומען צו האַנדלען;
אַ פערטער, גענומען געשעפטן צו דרייען...

דאָס איז דער גורל פון אונדזערן אַ יידן,
וואָס קאָן ניט און וויל ניט ביי יענעם צו שקלאַפן
און זוכט צו פאַרבעסערן זיין היינט און דעם מאָרגן,
טאָ זאָל אים גאָט דערפאַר קיינמאָל נישט שטראָפן.

„לא על הלחם לבדו יחיה האדם“—
נישט מיט ברויט אַליין לעבט דער מענטש!
פאַרנעמט מען זיך אויך מיט קולטור און קהל;
טאָ זאָל אַזאַ איינער נאָר זיין געבענטשט!

— — — — — — — — — — — — —

דערציילט אַ קאַפּיטל פון קאַמף און פון שטרעבן
האָט אַ יידישער־ייד אייך, פון שפּאַן פון זיין לעבן...

**יהושע אַלקאַן**

# „הייוועַנדייל"

## (אַ שטעטל אַזאַ)

(אַ קאַפּיטל פון אַ נאָוועלע)

אין די האַלדן פון די בערג וואָס רינגלען אַרום דעם פּאַסיפיק, אין דעם שטאַט קאַליפאָרניע, ליגט דאָס שטעטל הייוונדייל, אויף דער מאַפּע איז עס אָנגעצייכנט מיט אַ קליין פּינטעלע, ווי אַלע שטעטלעך, קומט איר אָבער אַריין אין אירע גרענעצן, פילט איר אַז איר מערכה איז ניט ווי די שטעטלעך אַרום. דאָס געפיל ווערט מער בולט ווען איר קומט אָן פון דרום זייט, דורכפאָרנדיק דאָס שטעטל סיינט מייקל, וואו דאָס לעבן איז רעשיק, טומלדיק — אַ שטענדיקער יאַריד! מ׳רייסט אַרונטער אַלטע שטיבער, מ׳בויט נייע; אין בנין וואַקסט אַריבער דעם צווייטן; געשעפטן ברייטערן זיך אויס. מיט איין וואָרט: הו־האַ, לעבעדיק, ערב יום־טובדיק . . .

הייוונדייל איז פונקט דער היפוך: די מענטשן אויף די גאַסן גייען אַרום ווי נעכטיקע, פאַרשלאָפענע; די געשעפטן האַלב־ליידיקע; דאָ און דאָרטן בויט זיך יאָ אַ הויז, אַ בנין, אָבער ס׳פעלט טעמפּאָ, איניציאַטיוו. . .

די זקנים פון הייוונדייל באַרימען זיך, אַז זיי ווייסן דעם סוד וואָס זייער שטאָט האָט ניט די מערכה ווי די שטעטלעך אַרום. ס׳איז צוליב דער קללה וואָס די עלטערן פון איינעם אַ דזשאַן מעקבי, וואָס האָט פאַרשאָלטן דער שטאָט צוליב דעם טויט פון זייער זון, וועלכער איז באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט, ווען די ערד איז איינגעפאַלן גראָבנדיק דעם פונדאַמענט פון דעם ערשטן „גענעראַל סטיישן."

ס׳האָבן זיך געפונען נישט־גלויביקע, דערציילן זיי ווייטער, וואָס האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דער קללה, געבויט הייזער און אַנדערע בנינים, הגם קיין גרויסע געשעפטן האָבן זיי ניט געמאַכט. אַ סך הייזער זיינען געשטאַנען ליידיק, אַ סך קראָמען ניט פאַרדונגען. דאָך האָט זיך געטומלט צוביסלעך און ס׳האָט אויסגעזען אַז אַלץ ווערט נאָרמאַל. דערנאָך האָט זיך באַוויזן איינער, אַ דזשיי. בי. קענעט, מיט רעש און געפילדער; אויסגעלייגט גאַסן, פאַרקויפט „לאָטס" — איז ווידער געוואָרן טומלדיק. ביי קיינעם איז קיין ספק ניט געווען אַז הייוונדייל ווערט אַ כרך. האָט אָבער עפּעס ווידער פּאַסירט, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער קללה: אין די ווענט פון דער „מישיאָן" האָט זיך באַוויזן שפּאַלטן. דזשיי. בי. האָט געמאַכט צו קליינגעלט די שפּאַלטן אין די ווענט פון דער „מישאָן": ס׳איז פון אַן ערדציטערניש — האָט ער געזאָגט. הגם קיינער האָט ניט געפילט אַז די ערד זאָל האָבן געציטערט, דאָך האָט מען אים געגלויבט און די טעטיקייט איז אָנגעגאַנגען.

וואָס האָבן די שטאָט־באַלעבאַטים פון הייוונדייל ניט געטאָן? זיי האָבן געפועלט אַז די „הייווי 99" זאָל דורכשניידן דאָס שטעטל, האָפנדיק אַז די דורכפאָרער וועלן זיך אָפּשטעלן און געבן צולייזן, אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט... מ׳האָט צוגעזאָגט צו באַפרייען פון שטייער דעם ערשטן יאָר די, וואָס ווערן תושבים; אפילו דאָס איינקריצן די נעמען פון די נייער בירגער אין דעם מערמלשטיין פון שטאָטגאָרטן — האָט אויך ניט געהאָלפן.

אַלע עטלעכע יאָר הויבן אָן די שטאָט־בעלי־בתּים פירן קאַמפּאַניעס צו פּראָ־קלאַמירן ווייט און ברייט הייוונדייל. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן זיי גענומען דעם פּאַסיפיק פאַר זייער רעקלאַמע : „הייוונדייל איז דער גן־עדן פון פּאַסיפיק״, האָבן זיי געלאָזט וויסן דער וועלט; „אין די גרעסטע היצן איז דאָרט קיל, אַ מחיה!״ אַביסל אמת איז טאַקע געווען אין דעם. ס'איז טאַקע געווען קיל, שוין אַביסל צו קיל, ווייל די בערג אַרום האָבן פאַרנאַרט אין זיך די ווינטן פון פּאַסיפיק און זיי העזהדיק אויסגעלאָדן אויף הייוונדייל. איז פון באָדן זיך אין ים געווען אָפּ־גערעדט. אַ חוץ די קעלט האָבן די ווינטן אַלץ פאַרשאָטן מיט זאַמד...

דערנאָך האָבן זיי דערטאַפּט אין די בערג אַ הייסן קוואַל. האָט מען זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן־טוב און ווידער פּראָקלאַמירט ווייט און ברייט אַז: „דער וואַרעמער קוואַל איז אַ רפואה צו אַלע חלאתן.״ זיינען געקומען מענטשן, זיך געווייקט אין די וואַסערן און געבליבן ביי זייערע אַלטע חלאתן און הייוונדייל איז ווידער געבליבן ווי געווען...

אפשר מיט דער צייט וואָלטן די מייוונדייל בעלי־בתּים שלום געמאַכט מיט זייער שיקזאַל, איז זיי אָבער סיינט מייקל געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. זיי האָבן פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן ווי זי צעוואַקסט זיך אין דער הויך און אין דער ברייט, און זיי שטייען אויף איין אָרט. איז מען אַרומגעגאַנגען, געביסן די ליפּן און געוואַרט אויף אַ שעת־הכּושר...

דאַרף זיך מאַכן, אַז אין סיינט מייקל פּאַסירט אַ שרעקלעכע אויטאָמאָביל קאַטאַסטראָפע: אַ צענדליק מענטשן זיינען אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל צוזאַמענשטויס. דער אומגליק האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן געגנט אַרום.

די בעלי־בתּים פון הייוונדייל האָבן אויך אַרויסגעוויזן עצבות, אָבער ערגעץ־וואו האָט זיך אין זיי פאַרגנבעט אַ נקמה־געפיל: „רעכט אויף זיי; זאָל מען ניט לויפן אַהין!״ און, אַזוי כּאָוועגדיק דאָס נקמה־געפיל איז איינעם איינגעפאַלן, אַז דער אומגליק איז סיינט־מייקל איז פּשוט אַ גליק פאַר הייוונדייל. ווי אַזוי? גאַנץ פּשוט: היות, אַזוי ווי ער געדענקט ניט אַז אין הייוונדייל זאָל עמיצער אומקומען דורך אַן אויטאָמאָביל פאַר די לעצטע פניף יאָר, בכן זאָל מען לאָזן וויסן דער וועלט אַז אין הייוונדייל איז אַ סך זיכערער צו וואוינען ווי אין די שטעטלעך אַרום...

צום סוף האָט ער פאַרגעשלאָגן אַז הייוונדייל זאָל, ווייט און ברייט, פּראָ־קלאַמירן דעם 5 יאָריקן יובל מיט מוזיק, פאַראַדן און פייערווערק...

דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט און דער רעזולטאַט קען מען איצט זען אין די דריי גאַסן וואָס הייוונדייל פאַרמאָגט. ניטאָ אַ וואַנט, אַ פענצטער וואָס איז ניט פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן אויף וועלכע ס'איז אויסגעמאָלן בילדער פון זקנים וואָס שפּאַצירן געמיטלעך און קינדער וואָס שפּילן זיך אין די גאַסן און אונטער די פּלאַקאַטן זיינען דאָ אויפשריפטן מיט גרויסע אותיות:

## „הייוונדייל איז די זיכערסטע שטאָט פאַר יונג און אַלט!״

נישט געקוקט אויף דעם וואָס ערשט אין אָוונט הויבט זיך אָן די פייערונג איז שוין די שטימונג אַ יום־טובדיקע; די לופט איז פול מיט פּראַקטיצירנדיקע מוזיק־טענער, מ'רייניקט די גאַסן, מ'הענגט פאָנען און אויף מעין סטריט, וואו ס'וועלן געהאַלטן ווערן די רעדעס, קלאַפּט מען טשוועקעס אין דער פּלאַטפאָרמע...

אָבער אַזוי ווי הייוונדייל איז פון יענע שטעט וואָס זענען געבאָרן געוואָרן אָן מזל, דאַרף זיך טרעפן, אַז העגרי גרין זאָל דורכשניידן די גאַס און ניט קיין

אַנדערער ווי אַטאַ דזשיימס, דער פּאַרוואַלטער פון פּאַרקער־רעגולאַציע (דער וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם קרעדיט פון דער גאַנצער שמחה) זאָל אָנקומען מיט זיין אויטאָמאָביל, פּאַרט אַרויף אויף העגרין און דערהרגעט אים . . .

אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט אַזאַ אומגליק אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע שטעטל; מ׳וואָלט גערעדט דערפון וואָכן נאָכאַנאַנד. אָבער אַזויווי דאָס איז געווען דער היפּוך צו די הכנות וואָס מ׳מאַכט אויף היינט אָוונט, האָט יעדער איינער, אויף זיין אופן, דאָס געפּרואווט דערשטיקן.

פאַר די שטאָט־בעלי־בתים איז דער „העגרי אינצידענט" (ווי זיי האָבן האָבן דאָס באַטיטולט) געווען מער קאָמפּליצירט: קודם־כל, וואָס איינער פון זיי איז געווען פאַרמישט. אַ חוץ דעם, וואָס זאָל מען טאָן מיט די אָנגעגרייטע רעדעס? ועל־כולם, ווי דערשטיקט מען די נייעס? זיצט מען ביי אַ לאַנגן טיש אין „סיטי האָל" און מ׳קנייטשט די שטערנס . . .

אַטאַ דזשיימס זיצט אַן איינגעגראָבענער. ס׳איז אַ סברה אַז ער איז נישט געווען ניכטער. . . הגם קיינער פון די פאַרזאַמלטע באַשולדיקן אים ניט אין דעם. זיי ווייסן, אַז אַזאַ אָנגעזעענער מענטש ווי דזשיימס, האָט פליכטן און קען ניט וואַרטן זיי אויספירן ביז ער וועט זיך אויסניכטערן און, הגם ער איז ניט דער איינציקער וואָס איז אַביסל בגילופינדיק, דאָך פילט ער זיך זייער דערשלאָגן, רעדט ניט קיין וואָרט... ערשט ווען איינער טוט זיך ניטווילנדיק אַ זאָג: „צי איז דאָס אַמאָל ניט געווען אַ פאַל פון זעלבסטמאָרד?" ווערט די זיצונג אויפגעלעבט און דזשיימס קריגט לשון: ערשט איצט, ווען ער פּרוּווט באַנעמען ווי אַזוי דער אַקצידענט האָט פּאַסירט, ווערט אים קלאָר אַז ס׳איז געווען אַ פאַל פון זעלבסט־מאָרד: וויפיל מאָל ער האָט ניט געפּרוּאווט אויסמיידן איז ער אַלע מאָל געווען פון פאָרנט. . ."

אַזוי איז העגריס טויט פאַרנאָטירט געוואָרן אין די אַרכיוון פון הייוונדייל מיט אַ באַמערקונג: „ס׳איז אויך אַ סברה אַז ער איז געדונגען געוואָרן פון אַ שכנישער שטאָט, צונישט מאַכן זייער לאַנגן, ריינעם רעקאָרד פון פּאַרקער רעגו־לאַציע, וואָס נאָר אַזאַ באַגאַבטער פּאַרוואַלטער ווי אַטאַ דזשיימס האָט געקענט באַווייזן . . .

(דער קומענדיקער היסטאָריקער, וואָס וועט שרייבן וועגן דער איצטיקער אויטאָמאָביל עפּאָכע, וואָס האָט אומגעבראַכט אַזויפיל מענטשן, וועט מסתמא נעמען דעם באַריכט און ענלעכע באַריכטן און קומען צום אויספיר: „נישט די אָנטרייבער פון די אויטאָמאָבילן זיינען שולדיק אין דעם מאַסן־מאָרד וואָס איז פאָרגעקומען אין יענע טעג, נאָר ס׳איז געווען אַ מאַסן־זעלבסטמאָרד באַוועגונג פון די פוסגייער, וועלכע האָבן זיך אין די טויזנטער געוואָרפן אונטער די אויטאָמאָבילן . . .)

* * *

ס׳איז שוין העכער אַ שעה אַז העגרי איז דערהרגעט געוואָרן. די בלוט־פלעקן האָט מען שוין אָפּגעוואַשן און די גאַס האָט זיך שוין באַרואיקט. דאָ און דאָרטן וויל נאָך איינער וויסן דעטאַלן פון אומגליק, אָבער אַ דאַנק די שטאָט־באַאַמטע איז שוין דער אופן פון העגריס אומקום איינגאַנצן אַנדערש: „דאָקומענטן האָבן באַוויזן אַז ער איז ניט געווען ביים זינען..." איז שוין די גאַנצע שטאָט אויפגעבראַכט אויף אים פאַר פּרוּוון צעשטערן זייער שמחה.

דער איינציקער וואָס טראָגט דעם גאַנצן אומגליק פון העבריס טראַגישן אומקום איז דאָקטער וויליאַם ראָס. ער איז ניט זיין קרוב, בלויז אַ פּאַציענט וועלכן ער האָט אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט.

דרייט זיך דאָקטער ראָס איבער די גאַסן אַ צעמישטער, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף נאָך אַ בייזן חלום. ער פילט אַ גרויל אין זיין יעדן אבר און פרואווט פאַרלייקענען דאָס וואָס עס באַמבלט זיך אים אין קאָפּ.

אימיצער שטעלט אים אָפּ:

— העלאָ, דאָקטער!

— העלאָ.

— איז דאָס אמת וואָס מ'זאָגט?

— וואָס?

— אַז העברי איז ניט געווען ביים זינען?

ערגעץ־וואו אין זיינע געדאַנקען ווערט פלוצלינג באַלויכטן אַ ווינקל. ביל־דער הויבן זיך אָן מיט אימפּעט שפּאַרן, אַפריער פון דערווייטנס, ווי איינגעוויקלט אין טומאַן, אָבער וואָס אַמאָל נעענטער, קלאָרער, ביז ער דערזעט זיך גייענדיק מיט העברין. אָט זיינען זיי ביים ראָג גאַס. העברי איז אַלעמאָל געלאָפן פאָראויס, לויפט ער אים נאָך. ער וויל אים אָנכאַפּן, אָפּשטעלן. פלוצלינג וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד אַ שוואַרצער אויטאָמאָביל און פאַרשוואַרצט אַלץ אַרום..

— העי, דאָרטן, מענטשן גייען דאָך!—שרייט דער אויס מיט אַלע זיינע כוחות.

ער עסט זיך איין מיט זיינע אויגן אין אויטאָמאָביל, ווי ער וואָלט געוואָלט אים אָפּשטעלן מיט זיין בליק. אָבער דער אויטאָמאָביל רייסט זיך פאָראויס. אָט־אָט איז ער אויף אים. ער דרייט זיך האַסטיק אָפּ. ער דערמאָנט זיך: ער איז געגאַנגען מיט העברין. וואו איז העברי? אָט איז העברי, גלייך אין פאָרנט פון אויטאָמאָביל: — העברי!

דער אויטאָמאָביל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער חיה, אַ שוואַרצע, ווילדע בעסטיע, מיט גלאַנציקע אויגן, וואָס שלעפּט זיך אויפן בויך ווי אַ שלאַנג; דרייט זיך אַהין און אַהער, פאָלגט נאָך העבריס יעדער באַוועגונג. ווען ער קומט צו נאָענט צו אים, גיט ער זיך האַסטיק אַ לאָז אויף אים און פאַלט אויף אים אַרויף מיט זיין גאַנצער שוואַרצער משא. ס'דוכט זיך אים נאָך אַלץ אַז העברי האָט באַוויזן אין לעצטן מאָמענט זיך אָפּצוקערן. זוכט ער אים צווישן רעדל מענטשן, וואָס האָבן שוין באַוויזן זיך צוזאַמענקלייבן. אָבער העברי איז נישטאָ. ער רופט: „העברי!" העברי ענטפערט נישט. מענטשן, אויף אַלע פיר, קריכן אונטערן אויטאָמאָביל. ער קריכט אויך. עפּעס ליגט אונטערן אויטאָמאָביל, אַ פּעקל צעקאָרטשעטע קליידער. ס'איז העבריס קליידער! וואָס שטייט מען? פאַר־וואָס שטופּט מען ניט אָפּ דעם אויטאָמאָביל? ער וויל זיי דאָס זאָגן, אָבער ער קען נישט ריידן. ער פרואווט אים אַליין אָפּשטופּן און קען ניט. רייסן זיך פאַרצווייפל־טע קלאַנגען אַרויס פון זיין האַלדז. די אַרומיקע מיינען אַז ער איז פאַרוואונדעט. רעדט מען צו אים, מ'פרעגט אים. ער פרואווט זיי ענטפערן, אָבער ער קען נישט.

ווען מ'האָט דער אויטאָמאָביל אַוועקגעשטופּט האָט ער ערשט דערזען וואָס פון העברין איז געוואָרן. ער איז צוגעפאַלן צו אים, אויפגעהויבן אַ האַנט, זיך צוגעהערט צו זיין האַרץ. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט, דערזען דזשיימסן און ווי אַ קאַץ איז ער גלייך אַרויפגעשפּרונגען אויף אים; געריסן פון אים די

קליידער, מיט גוואַלד געשלעפּט אים צום פאַרבלוטיקטן פּעקל וואָס איז געלעגן אויף דער ערד און ווי מיט אַ הונט, וואָס האָט עפּעס אָפּגעטאָן אין שטוב, געשטופּט זיין נאָז מיט גוואַלד אין די בלוטיקע ערטער...

שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען אין מאָרג, געוואָלט נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן אויף העברין. ער האָט אים ניט געזען אין גאַנצן, בלויז דאָס פּנים. ס'האָט גע־קענט זיין העברי און ס'האָט געקענט זיין אימיצער אַנדערש. אין איין שעה האָט דער טויט באַוויזן אָפּצומעקן פון זיין פּנים אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט זיין אויסזען און באַגאָסן זיין פּנים מיט אַ וואַקסענער בלייכקייט, אַש־גרוי. די אויגן פאַרמאַכט, דאָס מויל האַלב אָפן, די נאָז פאַרשאַרפט, שפּיציק. איבער דער לינקער ברעם—אַ טיפער שניט, ווי דאָרט וואָלט געווען נאָך אַן אויג. מ'האָט דאָס אויג אַרויסגענומען און דער שניט איז געבליבן. זיינע האָר גלאַנצן פון פייכטקייט; דער שרונט ביי דער זייט איז נישטאָ. זיי האָבן אָפּנים ניט געוואוסט ווי ער פלעגט פאַרקעמען זיינע האָר. ער דערמאָנט זיך: ער האָט געהאַט אַ וואונד אין הינטערשטן טייל קאָפּ, נאָר אַזוי ווי ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, קען ער יענע וואונד ניט זען.

אין מאָרג איז שטיל און קאַלט. דאָס ווייסע ליילאַך, וואָס האָט צוגעדעקט העבריס קערפּער ביזן פּנים, גיט צו שטילקייט און קאַלטקייט. ער רירט אָן מיטן פינגער העבריס באַק. ער פילט די קאַלטקייט איז אַן אויבנאויפיקע. טוט ער שטאַרקער אַ דריק דעם פינגער. טיפער דערפילט ער אַ וואַרעמקייט. ווען ער נעמט צו דעם פינגער בלייבט אַ בויג אין באַק. אינסטינקטיוו וויל ער דעם בויג אויסגלייכן. אָבער דער בויג ווערט ברייטער.

ער קוקט אויף העברין: די שטילקייט, דאָס ווייסע ליילעך וועקן זיינע גע־דאַנקען. עס שווימען אויף בילדער פון יענער נאַכט ווען ער האָט העברין געזען צום ערשטן מאָל, ווען מ'האָט אים צו אים גערופן.

ס'איז געווען אין מיטן נאַכט. דער טעלעפאָן קלינגט. אימעצער איז פאַרביי! קיין נייעס פאַר אים איז דאָס נישט געווען. ס'איז נישט אַוועק קיין נאַכט אַז דער טעלעפאָן זאָל נישט קלינגען און אים אויפוועקן. אין אָנהויב פלעגט אים נעמען צייט זיך צו דרעמאַנען וואו ער איז אין דער וועלט. ער פלעגט בלייבן זיצן אויפן ברעג בעט און טרייבן פון זיך דעם שלאָף. דערנאָך פלעגט זיך אָנהייבן אַ זוכע־ניש פון די בגדים, וועלכע קומען פריער און וועלכע קומען שפּעטער. האָט ער איינגעפירט אַ סדר: איידער ער גייט שלאָפן, אויסלייגן די קליידער אַזוי, ס'זאָל אים זיין צו דער האַנט. יענער אויפדערנאַכט איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען אַלץ איז געגאַנגען כשורה, נאָר זיין הוט האָט ער ניט געקענט געפינען. איז ער גע־גאַנגען אָן אַ הוט. ער געדענקט ווי די קילע נאַכטיקע לופט האָט געקילט זיין קאָפּ. דעמאָלסט טאַקע האָט ער אויסגעפונען אַז זיינע האָר אויפן קאָפּ ווערן שיטערער...
העברין האָט ער געפונען פּונקט ווי איצט, איבערגעדעקט מיט אַ ליילאַך ביזן פּנים.

ער האָט דערפילט די האַנט פון מאָרג־אויפזעער אויף זיין אַקסל. האָט ער פאַרשטאַנען זיין כוונה און איז אים נאָכגעגאַנגען. די דרויסנדיקע לופט האָט אים אָפּגעפרישט. אַנטקעגן דער זייגער האָט געוויזן אויף 10.

זיין אָפּיס איז שוין איצט פול מיט פּאַציענטן, וועלכע קומען ער זאָל זיי היילן. וואָס קומט אַרויס פון היילן? אָט האָט ער העברין געהיילט אַ גאַנץ יאָר, אים געזונט געמאַכט און אין איין רגע האָט דער אויטאָמאָביל געמאַכט פון אים

אַ תל... וואָס איז דער מענטש? וואָס זיינען די כוחות וואָס היילן? וואָס זיינען די כוחות וואָס ברענגען אום? וואָס איז לעבן און וואָס איז טויט?

די פראַגן האָבן אים געמאַטערט פון קינדווייז אָן. איידער זיין מאַמע איז קראַנק געוואָרן איז ער געווען זיכער אַז קראַנקייט און טויט וועלן ניט האָבן קיין שליטה אין זייער שטוב. זיין טאַטע, דער דאָקטער, ווייסט דאָך דעם סוד פון יעדער חלאת, און ווען זיין מאַמע איז געשטאָרבן האָט ער פאַרוואָרפן דעם טאַטן מיט פראַגן: „פאַרוואָס האָט ער געלאָזן דעם מאַמען שטאַרבן?" אויף דעם טאַטנס ענטפער: „זי איז דאָך געווען זייער קראַנק"—איז ער אַנטקעגן געקומען מיט אַ נייער פראַגע: „ער איז דאָך אַ דאָקטער, פאַרוואָס האָט ער איר ניט אויסגעהיילט?" און ווען דער טאַטע האָט אים געענטפערט: ניט אַלע קראַנקהייטן קען מען אויסהיילן" האָט עס זיין יונגער מוח נישט געקענט באַנעמען.

נאָך מער געפּלעפּט איז ער געבליבן ווען זיין טאַטע, דער דאָקטער, איז אַליין קראַנק געוואָרן. ער האָט פאַרלאָרן דעם גאַנצן דרך־ארץ וואָס ער האָט געהאַט פאַר אים. דאַמאָלסט האָט ער געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיטן טאַטן. פון דעם שמועס איז אים קלאָר געוואָרן: אַז אַ דאָקטער איז אונטערוואָרפן צו אַלע חלאתן נאָך מער ווי יעדער מענטש. ווייל, ער האָט דורכאויס צו טאָן מיט קראַנקע. און ער האָפט: ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מ'וועט געפינען רפואות פאַר אַלע חלאתן.

— ווי אַזוי געפינט מען די רפואות? — האָט ער אים געפרעגט.

— מ'זוכט. — האָט ער אים געענטפערט.

ער האָט זיך דעמאָלסט גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן מיט פליגן, זשוקעס, זשאַבעס. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו זייער קאַץ; מיטן הונט, וואָס ער האָט פאַרבאַרט, האָט ער שלעכט אָפּגעשניטן. עד־היום האָט ער נאָך דעם סימן אויפן האַנט פון דעם ביס וואָס דער הונט האָט אים געגעבן.

איצט נאָך אַזויפיל יאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט אַ וועלט מיט ביכער, געפּאַלמעסט מתים, געבראַכט מענטשן אויף דער וועלט, געזעסן אויפן בעט פון די מענטשן ווען זייער לעבן האָט זיך געענדיקט, ווייסט ער נישט מער וויפיל זיין טאַטע האָט דאַמאָלסט געוואוסט.

אין די מעדיצינישע ביכער ווערן גענוי באַשריבן ווייטאַגן, וואָס זיי באַדייטן און ווי זיי צו היילן; בילדער פון ניט־פאַרהיילטע וואונדן און זאַלבן זיי צו שמירן. אָבער פאַרוואָס העלפט עס איינעם יאָ און דעם צווייטן נישט?

ער ווייסט דעם כעמישן צוזאַמענשטעל פון מענטשן, די מאָס און די נעמען פון אַלע מינעראַלן וואָס געפינען זיך אין מענטשלעכן קערפּער. קען מען אָבער נעמען די אַלע שטאָפן, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אין סלויאיקלעך אויף דער פּאָליצע און צוזאַמענשטעלן אַ מענטשן?...

אין זיין אָפּיס וואַרטן איצט מענטשן אויף אים ווי אויף אַ גאָט, אַ דערלייזער! יעדער פון זיין מיט פראַגן אין די הערצער, אין די אויגן און אויף די ליפּן. זיי ווייסן ניט אַז אויף אַ סך פון זייערע פראַגן האָט ער ניט קיין ענטפער... ניט אַלע זייערע ווייטאָגן קען ער שטילן און ניט אַלע זייערע וואונדן קען ער היילן...

---

יהושע אַלקאָן איז דער מחבר פון אַ פריערדיק בוך נאָוועלן. די איצטיקע דערציילונג איז אַ פראַגמענט פון אַ ניי בוך וואָס איז גרייט צום דרוק.

ליידער, איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן, שבת דעם 2טן אַפּריל, 1960. כבוד זיין לויטערן אָנדענק. (רעד.)

יצחק ניומאַן

# דער ספר משלי

דער ספר משלי איז אַ זאַמלונג פון קלוגע רייד און שפּריכווערטער, און לויט דער מסורה איז דער מחבר ניט קיין אַנדערער ווי שלמה המלך, וואָס זיין קאָפּ האָט געבליצט מיט חכמה, און געשריבן האָט ער עס שוין אין די רייפע יאָרן.

משלים זיינען אייגנטלעך אַן אַלטע פאָרמע פון ליטעראַטור. דעם משל ווי אַן אינסטרומענט פון פרײדיקן מאָראַל געפינען מיר נאָך אין דער צייט פון די שופטים. דער עיקר אָבער ווערט געזאָגט אויף שלמה המלך, אַז ער האָט געקענט דריי טויזנט משלים (מלכים א׳), און ווער עס האָט נאָר גערעדט מיט משלים איז במילא פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ חכם.

די 31 קאַפּיטלעך פון ספר משלי זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט ימים שפּריכווערטער, גלייכווערטער, פאָלקס־חכמות און רעטענישן מיט אַ מוסר השכל; אויך עצות לרוב פאַר קליין און גרויס. איז אָבער די גרעסטע שוועריקייט וואָס די קלוגע רייד זיינען צעוואָרפן הויפנס גאַנצע אָן אַ סדר. אָט שטייט: זאָלסט ניט ענטפערן דעם נאַר אין זיין נאַרישקייט״, און באַלד דערנאָך שטייט: „ענטפער דעם נאַר אין זיין נאַרישקייט.״ ווידער ווערן פיל רייד איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל. דערפאַר האָבן מיר עס איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס:

אין דער ערשטער ריי זיינען די עצות צו עלטערן וועגן קינדער־דערציאונג: „פאַרמייד ניט די רוט פון דיין קינד; ווערסט אים שלאָגן מיט דער רוט וועט ער ניט שטאַרבן.״ און עצות צו קינדער זיך צוצוהערן צו די רייד פון די עלטערן: האַלט הויך חכמה, וועט זי אייך דערהויבן; ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי חכמה, וואָס גיט לעבן און כבוד.״ „איר סחורה איז בעסער פון געלט און טייערער פון פּערל.

די דאָזיקע לעבנס־פילאָזאָפיע איז אַדורכגעלייטערט מיט דערפאַרונג פון לעבן, פון קענען מענטשלעכן כאַראַקטער און זייער האַנדלונגען וואָס בויגן תמיד צום שלעכטן. דעריבער ווערן איבערגעחזרט די ווערטער: „שמעו בנים מוסר אב, בני אַל תשכח תורתי.״ (הערט קינדער די שטראָף פון אייער פאָטער, פאַרגעס ניט מיין זון מיין לערע).

* * *

די צווייטע קאַטעגאָריע איז תכליתדיקע משלים פון גוטע מידות, וואָס באַצוועקן צו דערוועקן צניעות און רחמנות: „אַז דיין פיינט איז הונגעריק, גיב אים עסן; און דיין פיינט פאַלט, דערפריי זיך ניט, טאָמער וועט גאָט זעען און עס וועט זיין שלעכט אין זיינע אויגן. ווייטער ווערט אָנגעוויזן אַ גאַנצע צאָל נידריקע געוואוינהייטן, וואָס אַ מענטש מיט שכל זאָל זיך פון זיי דערווייטערן, און שכל איז אַ וויכטיקער כוח און שטייט העכער פון כוח הדמיון.

די אמתן פון די פאָלקס־חכמות אין ספר משלי זיינען אויסער צייט און שטח; אַנדערש פון דער מאָראַל פון אַטענס און רוים, וואָס איז געווען אַ צייטווייליקע און אַ לאָקאַלע. למשל, אַזעלכע אוניווערסאַלע אמתן:

„זאָל דיך לויבן אַנאַנדערער און ניט דיין מויל,
אַ פרעמדער — און ניט דיינע ליפּן.
אפילו אַ נאַר וואָס שווייגט ווערט געהאַלטן פאַר אַ חכם.

איבער אַ שטיקל ברויט זינדיקט דער מענטש.
טויט און לעבן זיינען אין מאַכט פון דער צונג.
ניטאָ קיין עצה, קיין חכמה אַקעגן גאָט.״

דער ספר משלי האָט אויך געגעב לויבווערטער פאַר דער העלדישקייט פון דער יידישער פרוי, איר עניוות, איר צניעות; זי איז אַן אשת־חיל, די איידלקייט אַליין; זי איז קלוג, באַשיידן און טאַקטפול; האָט ליב איר אַרבעט, האָט אויך ליב צדקה. זי איז די קרוין פון איר מאַן. אַ קלוגע פרוי בויט איר הויז; אַ נאַר — צושטערט עס.

די קלוגע רייד פון משלי איז נישט קיין לערע פאַר יחידי סגולה, ווי אַ שטייגער די עטיק פון פלאַטאָן אָדער פון שפינאָזע, וואָס איז געבונדן צו דיאַ־לעקטיק. די עטיק פון משלי איז אַ באַשטימטע אפאדיקטיווע חכמה אָן וויכוחים און איז אויך אַ גייסטיקע שפייז פאַר יעדן איינעם.

* * *

די דריטע קאַטעגאָריע משלים זיינען רעטענישן אין דער פאָרמע פון פאַב־לען מיט אַ נמשל און אַ מוסר־השכל. די מער באַקאַנטע פון זיי זיינען:

„גיי צו דער מוראַשקע, דו פוילער, זע איר וועגן און ווער קלוג.
הגם זי האָט ניט קיין פירער, קיין אויפזעער, קיין געוועלטיקער—
גרייט זי אָן אום זומער איר ברויט, און אָנגעקליבן איז שניט־צייט איר שפייז.״

אָדער:

„ניטאָ קיין מלך ביי די היישעריקן, און זיי מאַרשירן אין מחנות.
די שפין קענסטו מיט דער האַנט אָננעמען
און זי דערגרייכט די קעניגלעכע פאַלאַצן.״

אַנדערע פאַבלען האָבן צו טאָן מיט נאָך מער ברמז׳דיקע וואונדער פון גאָט און די וועלט:

„דריי ווערן ניט זאַט, פיר זאָגן ניט גענוג:
די ערד ווערט ניט זאַט מיט וואַסער
און פייער זאָגט, ניט גענוג.״

פון אַלע מוסר־רייד איז די פאָלגענדע פאָעמע די איינפאַכסטע:

„זיבן מיאוסקייטן האָט גאָט פיינט: שלעכטע אויגן, אַ פאַלשע צונג,
הענט וואָס פאַרגיסן בלוט, פיס וואָס לויפן טאָן שלעכטס;
אַ האַרץ וואָס טראַכט שלעכטע מחשבות, ליגנערס און פאַלשע עדות.״

אַ גאָר שיינע פאָעמע איז אין קאַפּיטל ל׳:

„איטלעך וואָרט פון גאָט איז געלייטערט;
ער איז אַ שילד פאַר די, וואָס שיצן זיך אין אים.
ניט אָרעמקייט און ניט עשירות זאָלסטו מיר געבן —
שפייז מיך מיט ברויט פאַר מיין אויסקומעניש, כדי איך זאָל ניט ווערן צו זאַט
און לייקענען און זאָגן: ווער איז גאָט?

דער ספר משלי איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק די געטלעכע געדאַנקען פון די לעצטע שורות, ווייל די חכמים האָבן געוואָלט דעם ספר באַהאַלטן, מחמת די פילע סתירות. אָבער ער איז געבליבן און געוואָרן אַ גרויסער ביישטייער צו דער יידישער מוסר ליטעראַטור.

גאָלדע שלאָסבערג אַרפּין

# שבועות פון מיינע קינדער־יאָרן

דער יום־טוב שבועות איז פאַר אונדז קינדער געווען דער ליכטיקסטער און פריידיקסטער. מיטן אָנקומען פון פרילינג האָט מען נאָכ'ן לאַנגן ווינטער צעעפנט אַלע פענצטער, די זון האָט אַריינגעשיינט אין יעדן ווינקל און אַריינגעבראַכט אין שטוב די וואונדערלעכע ריחות פון דעם נאַר וואָס צובליטן בעז, וואָס איז געוואַקסן ביי אונדזערע פענצטער, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען און געבעטן זיך: נעמט מיך אַראָפּ און האָט הנאה!

מיר, קינדער, האָבן ווי פויגל פאַרגאַנדערגענומען די פליגל און פריידיק זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן. אונדזער גוטע ריווע, וועלכע האָט אונדז געהאָדעוועט, האָט געבעטן מיר זאָלן אַריינברענגען גרינסן און בלומען, צו באַפּוצן די הויז לכבוד יום־טוב. ווי „וויכערס" האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אויספּאָלגן ריוועס פאַרלאַנג. מיר זיינען אָבער פריער אַוועק צום טייך „ווילִיע", וואָס האָט געפלאָסן ניט ווייט פון אונדזער היים.

ביים טייך האָט די פריש־גרינע לאָנקע דאָרט געוואונקען צו אונדז, געווען: מיר זאָלן זיך אַ קייקל טאָן אויף איר... מיר האָבן באַלד כמעט ווי פאַרגעסן אין אונדזער שליחות און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פריש־גרינער לאָנקע, געקייקלט זיך און געלאַכט און שטאַרק הנאה געהאַט. מיר האָבן זיך דערנאָך אַוועקגעזעצט ביים ברעג, נאָכגעקוקט דעם שטילן גאַנג פון טייך און ניט געקענט זיך אָפּוואונדערן און אויך ניט באַגרייפן: אַט ערשט ניט לאַנג צוריק איז דער זעלביקער טייך געלעגן איינגעשלאָסן אונטערן אייז, און גרויס און קליין האָבן זיך געגליטשט אויף אים! און איצט, פליסט ער אַזאַ צופרידענער, אַ גלאַטער ווי אַ שפּיגל! עס שפּיגלען זיך אָפּ אין אים די הייזער, ביימער, און אויך מיר.

נייגעריק האָבן מיר נאָכגעפאָלגט ווי די פליטן גייען אַזוי גלאַט, לייכט און רואיק איבערן טייך; די פּויערים זיצן געמיטלעך און רויכערן זייערע לולקעס און דאַרפן אפילו ניט רודערן...

פאַרגאַפט און פאַרשלונגען מיט דעם וואונדער פונעם טייך האָבן מיר זיך דאָך ענדלעך דערמאָנט, אַז מיר האָבן נאָך ניט דורכגעפירט אונדזער שליחות! מיר האָבן מיטאַמאָל זיך אַ הויב געטאָן און אַוועקגעלאָזט זיך אין גאָרטן קלייבן בלומען און צוויגן. ברעכנדיק די צוויַיגלעך, האָבן די בלעטלעך ממש געקלימפּערט אין אונדזערע אויערן... אָנגעריסן די בלומען, האָבן מיר זיך זינגענדיקע אַוועקגעלאָזט אַהיים.

די בלומען צעשטעלט, די גרינע צווייגלעך צעוואָרפן, האָבן מיר געגרייט דעם יום־טוב טיש. איבערן שטוב האָט זיך געטראָגן דער דופט פון דאָס גרינס, בעז און פון די יום־טובדיקע מאכלים! פאַר פרייד האָבן מיר זיך קינדעריש צעטאַנצט אַרום טיש!...

פון שול זיינען געקומען דער טאַטע, דער זיידע, דער ברודער און אויך אַן אורח. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. דער פאָטער האָט געפרעגט: ווער האָט עס אַזוי שיין באַפּוצט די שטוב מיט גרינס און בלומען? האָט אים ריווע געגעבן אַ וואַרעמען וואונק אויף אונדז. אַ ליכטיקער שמייכל האָט זיך

פאַרשפּרייט איבער זיין שיינעם פּנים און אין זיינע וואַרעמע, בלוי־גרויע אויגן האָט געגלאַנצט אַ טרער... אין יענעם מאָמענט האָט ער געוויס געקלערט וועגן אונדזער יונג־פאַרשטאָרבענער מוטער...

דער זיידע האָט געמאַכט אַ ברכה. אַלע האָבן געענטפערט אָמן. מען האָט דערלאַנגט צום טיש די יום־טובדיקע מאכלים. געמיטלעך אָפּגעגעסן, האָבן די דערוואַקסענע אָפּגעבענטשט. די קינדער זיינען נאָך געבליבן זיצן ביים טיש מיט די עלטערע און צוגעהערט זיך צום אורח'ס אויסטערלישע מעשיות.

אויף מאָרגן איז דער ברודער און די צוויי עלטערע מיידלעך מיטן פאָטער געגאַנגען צו דער גרויסער כאָר־שול, וואו ס'האָט געדאַוונט דער באַוואוסטער חזן סיראָטאַ מיט זיין כאָר. פאַרן זיידן איז עס געוועזן צו וויט צו גיין, איז ער געגאַנגען צו דער „קאַזאַנסקער" קלויז, וואו ער און דער פאָטער דאַוונען אַ גאַנצן יאָר.

דער פאָטער איז אַ שטאָלצער געגאַנגען, זיין שיינער קאָפּ מיטן קאַשטאַנעוון שפּיציק־געשוירענעם „וועדן דייק" בערדל, דעם קאָפּ הויך מיט אַ לייכטן טראָט. מיר קינדער, ביי זיין זייט, האָבן פריידיק אונטערגעשפרונגען. מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט האָט ער אונדז געהייסן גיין גלייך, רואיק. — ס'פּאַסט ניט — זאָגט ער, און גיט דערביי אַ גלעט אונדזערע קעפּלעך!... פון זיין אויסטערלישן אויס־זען האָב איך מיינע קינדערשע אויגן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון אים...

אַט דערנענטערן מיר זיך שוין צו דער גרויסער כאָר־שול, מיט דעם גרויסן קיילעכדיקן „קופּאָל". דער פאָטער האָט זייער ליב געהאַט חזנות און האָט אויך געזוכט איינצופלאַנצן ביי אונדז דעם געפיל פאַר יידישער נגינה. באַזונדערס האָט ער זייער ליב געהאַט דעם חזן סיראָטע.

די גרויסע שול איז געווען אָנגעפילט מיט דאַוונער; טליתים פאַרוואָרפן איבער זייערע שולטערן. סיראָטעס וואונדערלעכע שטימע האָט געשוועבט אי־בער דער שול, האָט דורכגעדרונגען יעדן דאַוונער און צוהערער. מיר קינדער זיינען געווען דעם ערשטן מאָל אין דער כאָר־שול. מיר זיינען געשטאַנען פאַר־גאַפט פון דאָס גוזעענע און געהערטע! דער פאָטער האָט געקוקט אויף אונדז און איז געווען צופרידן פון אונדזער באַנעמען אַלץ. ער האָט מאָמענטנווייז גע־גלעט אונדזערע קעפּ מיט זיין וואַרעמער ווייכער האַנט. איך האָב געקוקט אויף אים; זיין פּנים האָט געלויכטן. איך האָב זיך געטוליעט צו אים און דערפילט זיין וואַרעמקייט. יענעם געפיל וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

גייענדיק פון שול האָט דער פאָטער געברומט מיט זיין פיינער טענאָר־שטימע אַ נאָר־וואָס געהערטן ניגון. ער האָט אונדז געפרעגט אויב מיר האָבן הנאה געהאַט פון סיראָטעס זינגען? און זייענדיק באַהויכט פון סיראָטעס געזאַנג האָט ער ניט געוואַרט אויף אונדזער ענטפער, נאָר גלייכצייטיק אונדז געזאָגט: קינדער, איר זאָלט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַז איר האָט היינט געהערט דעם גרויסן חזן סיראָטע! און דערביי האָט ער שטאָלץ אַ הויב געטאָן זיין שיינעם קאָפּ, וואָס האָט געהאַט דעם געפיל, ווי ער וואָלט דערגרייכט ווער ווייסט וואָסערע הויכקייטן...

אין שטוב האָבן מיר זיך שוין געפילט ווי דערוואַקסענע! האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש, וואָס איז געווען געגרייט מיט כל־טוב: אַ גאָלדן־ברוינע מיל־כיקע „באַבקע", פיש, בלינצעס, יאַגעדעס מיט סמעטענע, און אַנדערע גוטע זאַכן.

נאָכן עסן זיינען געקומען געסט, די משפּחות מיט זייערע קינדער. מיר מיט די שוועסטערקינדער האָבן זיך שטיפעריש אַרויסגעלאָזט אין דעם פרילינגדיקן דרויסן. ביים אַרויסלויפן האָט אונדז ריווע אָנגעזאָגט, מיר זאָלן אַכטונג געבן אויף אונדזערע נייע קליידלעך! דערביי האָבן אירע גוטע אויגן אַ שמייכל געטאָן. מיר האָבן איר אַרומגענומען און אָנגעקושט, און צוגעזאָגט זיך האַלטן ריין. אָבער לויפנדיק איז די יינגערע שוועסטערל געפאַלן און איינגעריכט דאָס קליי־דעלע... זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט, האָבן מיר זי באַרואיקט, אַז ריווע איז דאָך זייער גוט צו אונדז, וועט זי פאַרגעבן...

אונדזער איינציקער ברודער האָט געדאַפט שבת־נחמו ווערן בר־מצוה, איז דער רבי אים געקומען פאַרהערן די הפטורה. האָט ער נעבאך געמוזט בלייבן... זיין קול האָט צו אונדז געקלונגען זייער טרויעריק; זיין „נחמו, נחמו, עמי" האָט ער ממש אויסגעוויינט, מחמת ער האָט דאָך בעסער געוואָלט אַרומלויפן און שטיפן מיט אונדז אינדרויסן.

דעם צווייטן טאָג יום־טוב איז דער פאָטער, דער זיידע און דער ברודער, דער בר־מצוה בחור, אַוועק אין שול דאַווענען. מיר, די פיר מיידלעך, זיינען גע־בליבן ליגן ווי פּריצטעס אין די בעטן. אונדזער טייערע ריווע האָט אונדז גע־הייסן זיך וואַשן, זאָגן מודה אני, און דערנאָך האָט זי אונדז צוגעטראָגן די גוטע זעמעלעך און קאַקאָ. ס'האָט אונדז זייער געפריית וואָס מיר דאַרפן ניט ווערן „בר־מצוה"... און דאַרפן אויך ניט גיין אין שול; מיר קאָנען ליגן אין אונדזערע בעטן און פילן ביי זיך אַזוי „גרויס" און אַזוי גוט! טאַקע ווי אמתע פּריצטעס.

ריווע האָט אונדז דערציילט זייער פריילעכע מעשהלעך. ווען זי האָט גע־ענדיקט דערציילן די וואונדערלעכע מעשהלעך, האָבן מיר זי אַרומגענומען, איר שטאַרק געקושט דערפאַר, און אויך פאַר איר איבערגעגעבנקייט צו אונדז. ריווע האָט יעדן פון אונדז צוגעדריקט צו איר וואַרעם האַרץ און אַ מוטערלעכע טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף איר לויטער געזיכט.

און אַזוי איז אַוועק דער פריידיקער יום־טוב שבועות פון אונדזערע אומ־פאַרגעסלעכע קינדער־יאָרן...

---

**א. כראַבאַלאָווסקי**

## נאָטיצן פון יידישן קולטור־לעבן

(אין שייכות מיט דעם שלום עליכם יאָר)

אין דער יידישער פּרעסע אין ניו־יאָרק זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אַר־טיקלען און נאָטיצן וועגן אַ שלום עליכם טעלעוויזיע־אויפפירונג, וואָס איז געגאַנגען גאַנצע צוויי שעה יעדן טאָג פון אַ גאַנצע וואָך. די אויפפירונג איז געגאַנגען אויף אַ לאָקאַלער טעלעוויזיע־סטאַנציע, וואָס מיינט נאָר פאַר ניו־יאָרק און אומגעגנט און אין שייכות מיטן שלום עליכם יאָר.

מ. אַשעראָוויטש, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל וועגן אָט־דער דער טעלעוויזיע־אויפפירונג, איראָניזירט, אַז הגם די פאָרשטעלונג האָבן געזען עטלעכע מיליאָן מענטשן — יידן און ניט־יידן — און איז מיטן שפּילן געווען אַ נחת־רוח פאַרן אויג און האָט פאַרשאַפט אַן עכט־קינסטלערישן פאַרגעניגן און צוגעגעבן כבוד דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן פאָלק — האָבן פונ־

דעסטוועגן יידן וועגן דעם זיך ניט געטומלט; קיין קאָמיטעט וואָס זאָל שאַפן די נויטיקע פאָנדן און באַקאַנט מאַכן די געשעעניש צווישן יידישן עולם, באַזונדערס צווישן דער ענגליש־רעדנדיקער יוגנט, איז ניט געשאַפן געוואָרן. אין דעם אַרטיקל זאָגט אָבער ניט מ. א. וועמענס איניציאַטיווע דאָס איז געווען און ווער עס האָט געספּאָנסערט די פאָרשטעלונג.

* * *

אין שייכות דערמיט איז אין „פאָרווערטס" פון 28טן יאַנואַר ד.י. געווען פאַרעפנטלעכט דער וויטערדיקער בריוו פון אַ יידן:

„איך האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס די גלענצנדע רעצענזיע פון מ. אָשעראָוויטש וועגן דער אויפפירונג פון „שלום עליכמס וועלטל." איך וויל דאָ דערציילן ווי דאָס האָט געווירקט אין אונדזער הויז. אין דער וואָך פון דער אויפפירונג האָב איך דערציילט מיין זון און אים געראָטן אָנצושטעלן די טעלעוויזיע אין דער ריכטיקער צייט. פרייטיק־צו־נאַכט, צום ערשטן חנוכה־ליכטל, האָבן מיר געהאַט די קינדער צו דער חנוכה־פּאַרטי. רעדנדיק וועגן דער פאָרשטעלונג, האָט זיין מיידעלע, קנאַפּע 9 יאָר אַלט, נאָכגעמאַכט דעם מלמד, איבערהויפּט די מלמדקע, מיט זייער מימיק און לשון, און מיר האָבן שוין לאַנג אַזוי האַרציק ניט געלאַכט. ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע וועגן יידיש בכלל און יידיש פאַר די קינדער בפרט. שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ זכיה. געוויינטלעך קוקט מען מיט ביטול אויף אַן אַלטן מאַן פון 79 יאָר, ווען ער דענקט אַז ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן. אָבער דאָ האָבן זיך אַלע צוגעהערט אויך צו דעם וואָס איך האָב געזאָגט און מיר האָבן אַלע הנאה געהאַט."

מיר טראַכטן, אפשר וואָלט זיך ביי אונדז דער „קאָמיוניטי קאַונסיל", וואָס האָט געפּלאַנט אַ ברייטע אַקציע אין שלום עליכם יאָר, צוזאַמען מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי „בני־ברית" און אַנדערע צענטערס, וואָס פירן אַ יידישע קולטור־אַרבעט אויף ענגליש — אפשר וואָלטן זיי זיך באַמיט די שלום עליכם פאָרשטעלונג זאָל קאָנען אויפגעפירט ווערן אין לאָס אַנדזשעלעס. עס וואָלט געווען אַן אומגעהויערע דערגרייכונג און כבוד פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

## פאָרשטעלונגען פון ניו־יאָרקער טרופּעס אין לאָס אַנדזשעלעס

שבת, דעם 13טן פעברואַר ד.י., איז אין גרויסן זאַל פון ל. א. היי־סקול אויף אָלימפּיק, פאָרגעקומען דער יערלעכער אַרבעטער רינג קאָנצערט א. נ. „הערט אַ מעשה", אַ טעאַטער־שפּיל געבויט אויף שלום עליכמס לעבן און שאַפן, סצעניִרט און רעזשיסירט פון ישראל וואַליטשאַנסקי, געשריבן פון ב. פענסטער. חוץ אים האָבן אין די אַרויסטרעטונגען אנטייל גענומען: מינא בערן, זישע גאָלד, חיהלע לוקסענבורג און פּאָלאַ קאַדיסאָן, פּיאַניסטין.

ישראל וואַליטשאַנסקי האָט פיין געשפּילט די ראָלן פון מנחם מענדל, פון דעם מלמד, און אַנדערע; זישע גאָלד האָט אויסגעפירט די ראָלן פון טוביה דער מילכיקער; מינאַ בוירנס האָט געשפּילט די ראָל פון חוה, און חיהלע לוקסענבורג האָט פאָרגעשטעלט מאָטעלען, פון „מאָטל פייסי דעם חזנס„ און אַנדערע ייִנגלשע ראָלן. צוזאַמען מיטן צוגאָב קאָנצערט: ישראל וואַליטשאַנסקי אין אַ גאַנצער רייע מאָנאָלאָגן, באַזונדערס דעם י. ל. פרץ מאָטיוו „ גילגול פון אַ ניגון"; מינאַ

בערן אין אַ גאַנצער רייע לידער, און פּאָלאַ קאַדיסאָנס שפּילן אויף דער פּיאַנע — איז דער קאָנצערט געווען איינער פון די געלונגענסטע פאָרשטעלונגען פון ניו־יאָרקער טרופּע פון אַרבעטער רינג.

זונטיק, דעם 21טן פעברואַר, מאַטינע, האָט אין ווילשייר־עבעל טעאַטער אַ טרופּע, געשיקט פון ניו־יאָרק דורכן יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, געגעבן אַ פאָרשטעלונג וואָס האָט באַגייסטערט דעם גרויסן עולם אין טעאַטער. אין דער טרופּע האָבן אַנטייל גענומען: בער באַנוס, לעאָן ליבגאָלד, לילי ליליאַנאַ, דאָראַ קאַלינאָווא און אַלס פּיאַניסט, באַריש.

די פאָרשטעלונג איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: 1) „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען" צוזאַמען מיט אַ פראַגמענט פון בר־כוכבא; 2) „סוועט שאָפּ", לויט די מאָטיוון פון ש. ראָזענפעלדס און אַנדערע אַרבעטער־לידער. צום סוף איז אויפגעפירט געוואָרן שלום עליכמס „קוואָרטיראַנטן". בען באַנוס האָט געזונגען אַ גאַנצע רייע פאָלקס־ און ישראל־לידער, און דאָראַ קאַלינאָווא איז אַרויסגעטראָטן אין אַ סעריע מאָנאָלאָגן.

דאָנערשטיק, דעם 25טן פעב., איז די זעלביקע טרופּע אַרויסגעטראָטן מיטן זעלביקן פּראָגראַם אין ווענים ביים ים, אין זאַל פון דער קאָנגרעגיישאָן „משכן תפילה". ביידע פאָרשטעלונגען זיינען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

אין אונדזער לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז קיין ע"ה רייך מיט קרוב אַ האַלבן מיליאָן יידישע נפשות, אָבער אָן אַ ברעקל יידיש טעאַטער, זיינען די אַרויסטרעטונגען פון די ניו־יאָרקער טרופּעס אַ גאָר וויכטיקע געשעעניש.

## אַביסל נחת פון מעקסיקע

אויב מיר, ל. א. יידישע מענטשן, קענען מער ניט געניסן פון די אַרויסטרעטונגען פון די שילער פון דער מיטלשול און קינדער־טעאַטער — לאָמיר כאָטש האָבן אַביסל נחת פון אונדזער שכנותדיקער מעקסיקע. דאָס געפינען מיר אין דער זאַמלונג וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די „נייע יידישע שול", י. ל. פּרץ, צום צען יאָריקן יובל פון דער שול.

באַזונדער ווילן מיר דאָ פאַרצייכענען די גרויסע צאָל קינדער אַרבעטן, אין וועלכע עס נעמען אנטייל פינף קלאַסן פאָלקשול און דריי קלאַסן מיטלשול. סך־הכל זיינען דאָרט פאַרעפנטלעכט אַרום 120 אַרבעטן, וואָס אַנטהאַלטן אַ וועלט מיט טעמעס, טאַקע אַזוי ברייט ווי די וועלט. לייענענדיק זיי באַקענט מען זיך מיט דער קינדערשער און יוגנטלעכער באַציאונג צו דער שול, יידישע ליטעראַטור, די אייגענע היים און אייגענע איבערלעבונגען.

אַגב זיינען אין דעמזעלביקן יאָרבוך פאַרעפנטלעכט זכרונות פון אונדזער בן־עיר, אפרים העריסאָן, א.נ. „אַ שמועס מיט שלום עליכמען," וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע סטודענטישע יאָרן אין ווין בעת ש"ע איז דאָרט געווען. לויט מיין מיינונג פון אַ פשוטן לייענער, ווי מיין ווייניקייט, איז אָט־דער שמועס מיט שלום עליכמען איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע שילדערונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן אונדזער געניאַלן קינסטלער אין דער לעצטער צייט.

מען דאַרף באַמערקן, אַז „די נייע שול, י. ל. פּרץ, ווער'ט אָנגעפירט דורך דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער, א. גאָלאָמב.

## גוים זאָגן יידן מוסר

די נביאים און אונדזערע שפּעטערדיקע חכמים האָבן אונדז יידן געגעבן אין לעבן אַ מיסיע: צו זיין אַ „נר לגויים", אַ ליכט פון יידישער מענטשלעכקייט צווישן פעלקער. איצט אָבער זאָגן אונדז גוים מוסר און לערנען אונדז ווי צו זיין יידן. מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט אַ מעשה פון גאָר אַ סך:

חיים עהרענרייך האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" א.נ.: „אַ באַרימטער אָפּערא־טענאָר טאַדלט יידישע יוגנט פאַר ניט קענען יידיש." דער נאָמען פון זינגער איז ניקאָלאַי געדא. ער איז אַ זון פון אַ געוועזענעם מיט־גליד פון דאָן קאָזאַקן כאָר, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוועדישער שיינ־הייט און זיך באַזעצט אין שוועדן. דאָרטן איז ניקאָלאַי געבוירן און דערצויגן געוואָרן. האָט ער, דער קינסטלער, אויף אַ באַמערקונג פון אַ גוט־באַקאַנטן יידיש־אַמעריקאַנער פובליציסט, אַז ער איז שטומפּיק אויף מאַמע־לשון, אַזוי זיך אָפּגערופן:

„וואָס איז מיט אייך, יידן? פאַרוואָס קענט איר ניט יידיש, אַ שפּראַך, וואָס איר אַליין האָט באַשאַפן? איך קען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי דערלויבט איר אייערע קינדער ניט צו קענען דעם לשון פון אייערע עלטערן? באמת, איך פאַרשטיי ניט! (גיי דערצייל אַ גוי אַ מעשה . . . )

„מען זאָגט מיר, אַז יידיש האָט אַזאַ קאַלירפולע ליטעראַטור און דאָך טרעף איך אַזוי פיל יידן, וואָס קענען ניט זייער שפּראַך, ווי אַזוי דערלויבט איר עס?"

צי דאָס מוסר זאָגן וועט עפּעס העלפן — ווייסט איין גאָט אין הימל...

## אַ שלום עליכם מעשה וועגן אַ חזנדל אויף שבת . . .

די מעשה האָט שלום עליכם אַליין דערציילט ווי אַ משל ביי אונדז אין שטאָט טשענסטאָכאָוו, ווען ער איז דאָרט אַרויסגעטראָטן אויף אַן אָוונט אין 1914. צווישן די באַגריסער איז אויך געווען אַ העברעאישער לערער, וועלכער האָט פאַרגעסן, אַז דער עולם יידן איז געקומען הערן שלום עליכמען ניט אים... האָט אים שלום עליכם, אין זיין ענטפער אויף די באַגריסונגען, דערציילט אָט־די מעשה: דאָ איז דער משל געווידמעט מאַנכע פון אונדזערע ליבע לעקטאָרן, וועמענס פאַרטראָגן זיינען באמת אינהאַלטסרייך און דערצו זיינען זיי געבענטשט מיט אַ שיינעם יידישן לשון, נאָר זיי פאַרגעסן, אַז האַלטן אַ גרויסן עולם יידן קיין עין הרע, אַנדערטהאַלבן אָדער גאַנצע צוויי שעה איז אַביסעלע צו לאַנג, פשוט אוממעגלעך... איצט קומט די מעשה:

אַ שטאָט האָט געדונגען אַ חזן. האָט ער געהאַט אַלע חזנישע מעלות, נאָר די צרה מיט אים איז געווען, ווען ער האָט זיך שבת ביים דאַווענען צעזונגען, האָט ער פאַרגעסן אַז יידן זיינען הונגעריק און ווילן גיין אַהיים מאַכן קידוש און געניסן פון די שבתדיקע מאכלים.

האָט מען, ווי דער שטייגער, געראָטן אַן אפיסה. מעיז פנים זיין דעם חזן און אים פשוט זאָגן, אַז מיט זיין לאַנגן דאַווענען פאַרטרייבט ער יידן פון שול— האָט זיך דער שטאָט־מגיד אונטערגענומען דאָס אויסצופירן אויף אַן איידעלן אופן. האָט ער פאַרבעטן דעם חזן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי און מיט אים גלערנט אַזאַ פשטל: עס שטייט געשריבן, אַז די וועלט האַלט זיך אויף דריי זאַכן: על התורה,

על עבודה ועל גמילת חסדים. איז אַזוי זאָגט דער מגיד: על התורה — דאָס בין איך, איך לערן מיט יידן תורה; על עבודה — דאָס זענט איר, וואָס טוט די עבודה ביים עמוד, און דער גמילת חסדים — דאָס איז דער עולם, וואָס קומט אונדז הערן. און וויסן זאָלט איר, חשובער חזן, אַז אַ גמילת חסד טאָר מען לאַנג ניט האַלטן, ווייל מען קריגט אים שוין ניט נאָכאַמאָל...

צי דאָס וועט האָבן אַ פּעולה אויף אונדזערע ליבע לעקטאָרן — ספקן מיר זייער שטאַרק . . .

**א. ש. וויזעל**

## דער נייער פּרעה — נאַסער

דער פּרעה שאַרפט זיין שווערד
אויף די יידן אין ישראל
און צו זיין הילף ער רופט מיט שטורעם
די וועלט פון גאַנץ ישמעאל.

זיין האַס צו אונדז האָט אים פאַרפירט
צו שפּילן אַזאַ ראָלע,
פאַרגעסנדיק אַז סוף כל סוף
וועט אויך קומען זיין מפּלה.

זיין זיידע האָט געוואָלט אַמאָל
בלויז די זכרים צו דערטרינקען,
איז זיין שטראָף דערפאַר געווען
אין ים אַליין צו זינקען.

נאַסערס דורשט נאָך יידיש בלוט
איז שרעקלעך אומגעהייער;
ער וויל פאַרניכטן דאָס יידיש־לאַנד
דורך וואַסער און דורך פייער.

זיינע „שטאַרק פאַראייניקטע"
פון דעם גרויס באַרימער, נאַסער,
וואָלטן זועלן אים דערטרינקען
אין אַ לעפל וואַסער!

אַז זיין מויל שוימט מיט גיפט
ווען ער דרשנט פון דער בינע,
פאַרגעסט ער דאַן וואָס ס'האָט פּאַסירט
מיט היטלער און מוסאָליני!

**וויליאַם פרידמאַן**

## עם ישראל חי

מוזיק: אַדאָלף מאַן

יאָרן קומען, יאָרן גייען,
נאָך אַ יאָר איז איצט פאַרביי;
פון אַלע לענדער קומען יידן
צוריק נאָך ציון, צו בלייבן פריי.

ס'האָט דער ייד פון שווערן גלות
זיך אויף אייביק שוין באַפרייט
און דאָס לאַנד פון זיינע אָבות
מיט זיין בלוט און שווייס באַנייט.

שטאָלץ און מוטיק שטייט דער ייד היינט
אויסגעשמידט זיין פעסטע האַנט;
ער וועט פאַרניכטן זיינע שונאים,
וואָס ווילן באַפאַלן זיין הייליק לאַנד.

ס'וועט דער ייד זיך מער ניט בויגן
פאַר די הערשער פון דער וועלט;
גאָט אַליין מיט זיין גרויסן חסד
האָט ישראל צוריק געשטעלט.

---

*) ווי דאָס פאָלק זינגט אויס באַגייסטערונג פאַר דעם לעבן, שאַפן און קעמפער אין ישראל.

**יצחקי**

# מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים

פון צייט צו צייט הערן מיר באַמערקונגען פון אַ טייל יחידים, יידישע קולטור אַספּיראַנטן: — ווארום זאָל אַזאַ גרויסער יידישער ישוב ווי לאָס אַנגעלעס, וואָס ציילט שוין 400,000 נפשות, כן ירבו, ניט האָבן אַן אייגענע וואָכנשריפט?

איבנאויף דאַכט זיך אַ גאַנץ זאַכלעכע און גערעכטע טענה:

טאַקע ווארום ניט?!...

זעען מיר דען ניט פיל קלענערע ישובים ווי: מעקסיקע, מאָנטרעאַל, וויני-פעג (קאַנאַדע), בוענאָס איירעס (אַרגענטינע) און אַנדערע קלענערע און גרעסערע אויסלענדישע ישובים, וואָס האָבן צו איינע און מער וואָכנשריפטן און אפילו טאָג-צייטונגען; בעת אין די שטאַטן (חוץ ניו־יאָרק) אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער פּראָווינץ; אַזעלכע גרויסע יידישע ישובים ווי: שיקאַגאָ, דעטראָיט, קליוולאַנד, פילאַדעלפיע, און לאָס אַנגעלעס, וועלכע האָבן ערשט מיט אַ צענדליק יאָר צוריק געהאַט וואָכנשריפטן און אפילו טאָג-צייטונגען, איז איצט פון זיי אַלע קיין זכר ניט געבליבן; אַ צאָל פון זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ענגלישע צייטשריפטן. (ל. א. האָט איצט 4 יידיש-ענגלישע וואָכנשריפטן, קיין איינע אויף יידיש). אַזוי אַז אונדזער יידישע ל. א. איז אין דעם פּרט נישט בעסער און ניט ערגער פון די אַנדערע ישובים אין דער יידישער אַמעריקע.

דאַרף מען דערפון דרינגען, אַז ס'איז אַ צרת מדינה!

ס'איז שוין נישט מער פאַר קיינעם קיין סוד, אַז דער טיראַזש פון דער יידיש-טעגלעכער פּרעסע אין ניו־יאָרק פאַלט מיט יעדן יאָר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. און, גראָדע אין אָט־דעם באַרג אַראָפּ פּעריאָד פון דער פּרעסע האָבן זיך גענומען מערן יידיש-ליטעראַרישע זשורנאַלן: „זיין", „אויפסניי", „וואָגשאָל" (ניו־יאָרק), „אונדזער וועג" (שיקאַגאָ), „מאָנטרעאַלער העפטן" (קאַנאַדע), „חשבון" (לאָס אַנגעלעס). דער בעסערער יידיש לייענער, וואָס האָט אַ באַציאונג צום יידישן וואָרט, ווערט דווקא פאַראינטערעסירט מיט די פערטל־יאָר שריפטן. אמת, די צאָל לייענער זייערע איז אַ באַשרענקטע, דערפאַר אָבער, פון די געקליבענסטע.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן אַ טרואיזם, אַז די שאַפער פון יידישן בוך און ליטעראַרישע זשורנאַלן, שרייבן איצט ס'רוב פאַר שרייבער און פאַר די אינטע-לעקטואַלע יחידי סגולה, וואָס קלאַמערן נאָך ב"ה צום בעסערן יידישן וואָרט און ליטעראַטור. קען מען דאָ, בכן, נישט האָפן אויף אַ גרויסער לייענערשאַפט פון דעם יידישן בוך אָדער ליטעראַרישן זשורנאַל.

ד"ר דוד רעבעלסקי ע"ה, באַקאַנטער שריפטשטעלער און קולטור-עסקן, האָט אין אַ בריוול צום שרייבער פון די שורות, עטלעכע וואָכן פאַר זיין פּטירה, געשריבן: „לויט ווי עס האַלט איצט מיט דער יידישער פּרעסע און יידיש לייענער, וועט מיט דער צייט די עליטע, די חובבי יידיש, בלייבן די איינציקע אָנהאַלטער און אָפּנעמער פונעם יידיש בוך און יידיש ליטעראַרישן זשורנאַל." און ער איז נישט געווען מחוץ לדרך.

נאָך אַ מאָמענט וואָס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די אַלע קלענערע ליטע-ראַרישע זשורנאַלן, סיי אין ניו־יאָרק און סיי אויף דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן

נישט קיין פּאַרטיי אָדער ריכטונג אונטער זיך, ווערן ס'רוב געשטיצט און אויפֿגעהאַלטן פֿון די באַטייליקטע שרייבער אין דער שריפֿט און פֿון די געציילטע יחידים, פּריינט פֿון יידישן וואָרט.

„חשבון" האָט עס באַוויזן במשך די זעקס יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ. מיר זענען באמת שטאָלץ וואָס דער אָפּרוף אויף אונדזער שריפֿט, אין דער ליטעראַרישער וועלט, איז געווען און איז עד־היום אַ דערמוטנדיקער. די צענדליקע בריוו פֿון באַרימטע שרייבער, ווי אויך זייערע אָריגינעלע ליטעראַרישע ביישטייערונגען אין אונדזער שריפֿט, פֿון צייט צו צייט, זיינען פֿאַר אונדז שטאַרק אינספּירירנדיק. מיר זיינען צו באַשיידן די בריוו צו פֿאַרעפֿנטלעכן; הגם טייל גאַנץ סאָלידע זשורנאַלן מיט אַ היבשן ליטעראַרישן סטאַזש, טוען עס גאַנץ אָפֿט און אויספּירלעך. דאָס איז אַגב אורחא.

דער היוצא לנו מדברינו איז:

אוודאי וואָלט גוט געווען ווען אַזאַ גרויסער ישוב ווי אונדזערער וואָלט טאַקע געהאַט אַן אייגענע וואָכנשריפֿט אויף יידיש. אָבער, ווי עס זעט אויס, איז עס בלויז אַ פֿרומער וואונטש פֿון עטלעכע גוטמיינענדיקע יידיש־יידן, וועלכע זיינען ליידער נישט באַקאַנט מיט דעם פּאַקטישן מצב פֿון יידישן זשורנאַליזם אין אַמעריקע. דער פֿאַקט וואָס מיר זיינען שוין דאָ במשך דעם לעצטן צענדליק יאָר, געבליבן יידיש שטום, אָן אַ יידישער וואָכנשריפֿט, באַווייזט, אַז די היגע יידן בענקען נישט צו שטאַרק נאָך דעם.

לאָמיר, בכן, שטאַרקן דעם „חשבון" — די שריפֿט וואָס מיר האָבן! און תחזקנה ידיכם!

# יידיש אין ישראל

ס'איז ווערט צו האָבן אייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף אַן אַרטיקל אין פֿעב. נומער „צוקונפֿט" מכוח „יידיש אין מדינת ישראל" פֿון יצחק שושני, געדרוקט אין „על המשמר" (ישראל) איבערגעזעצט פֿון העברעאיש פֿון שמואל סיגל. (לערער פֿון א. ר. שולן אין ל. א.) צווישן אַנדערן ווערט דאָרט געזאָגט:

„ישראל דאַרף זיך פֿאַרפּליכטן צוצולייגן האַרץ און נשמה צו דער שטאַרקונג פֿון יידיש אַלס וויכטיקער און ווערטיקער פֿאַקטאָר אין יידישן קולטור־לעבן. אין ישראל איז פֿאַראַן און עס קומען נאָך צו גרויסע פּאָטענציעלע כוחות פֿאַר שעפֿערישקייט אין יידיש. מ'דאַרף זיי מקרב זיין ווי ברידער, ווייל עס זיינען שוין צייטיק די באַדינגונגען אַראָפּצונעמען די מחיצות וואָס די אַלטקייט איז איבער זיי אַריבער." עס באַוועגט זיך דאָך!...

אַגב, איז ווערט דאָ צו דערמאָנען: לויט דעם באַריכט פֿון דעם שריפֿטשטעלער ל. שפּיזמאַן (פּרעס־דירעקטאָר פֿון קולטור קאָנגרעס), דערשיינען איצט אין ישראל 17 פּעריאָדישע אויסגאַבן אין יידיש. זיבן גרעסערע און קלענערע פֿאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס ביכער אין יידיש, כן ירבו. הלוואי אויף אונדז געזאָגט געוואָרן!

**א. באַביטש**

# פעדער־שפּריצן

אונדזער חשובער רעדאַקטאָר פון „חשבון", חבר פרידלאַנד, ספק'ט צי עס פּאַסט פּאַר אַ ליטעראַרישן זשורנאַל צו דרוקן אַ הומאָריסטישע זייט ווי די „פעדער־שפּריצן". הגם אויך ער האַלט, אַז הומאָר איז די פרייד פון לעבן: מיט וויצן און הומאָר לאַכן מיר אויס אונדזערע צרות. עס איז גרינג צו דערקענען אַ מענטשן פון וואָס ער לאַכט. „לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן!" — זאָגט שלום עליכם. און דער זאָג: „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין" איז אַ לעבנס־פילאָזאָפיע.

* * *

צווישן אַלע פּראָפעסאָרן וואָס האָבן געהאַלטן פאָרטראַגן אויף הויכע טעמעס ביי דער ייוו"א קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, האָט אויך געהאַלטן אַ פאָרטראַג אונ־דזער אייגענער פּראָפעסאָר פון ל. א. — זלמן זילבערצווייג. לאָס אַנדזשעלעס איז שטאָלץ מיט איר פאָרטרעטער.

* * *

אין די „לעצטע נייעס", אַ טעגלעכע צייטונג אין ישראל, שרייבט דער מיט־אַרבעטער י. שבישוב אַ זייער באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן דניאל פערסקי. ער זאָגט צווישן אַנדערן: „דער באַקאַנטער העברעאישער שרייבער־פעליטאָניסט פון ניו־יאָרק, דער „טשודאַק" דניאל פערסקי, האָט אין זיין 72 לעבנס־יאָר זוכה געווען צו אַ שפּאַר ביסל פערזענלעכן נחת. דער באַרימטער וואָכן־זשורנאַל „ניו־יאָרקער" האָט פאַריקן חודש געווידמעט איבער דרייסיק שפּאַלטן צו זיין פערזאָן. דער גרויסער „פאָרטרעט" וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דוויט מעקדאָנאַלד, איז געקרוינט מיטן קעפּל: „דער שקלאַף פון העברעאיש.

פאַר די וועלכע געדענקען פערסקין פון זיינע ערשטע טעג אין ניו־יאָרק איז אָט־די געשעעניש אַן אומגעהויערע פרייד.

* * *

ישראל הומאָר: אין ישראל איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטע קאָאַליציע; דאַרף מען ווינטשן, אַז זי זאָל לאַנג דויערן.

* * *

מען פרעגט אין ישראל אַ ניי־געקומענעם פון רומעניע, ווי ס'איז דאָרט, אין רומעניע, געווען מיטן עסן און מיט קליידונג?

— מ'האָט זיך ניט געקענט באַקלאָגן!

— פאַרוואָס־זשע זענט איר געקומען אַהער?

— ווייל דאָ קען מען זיך יאָ באַקלאָגן...

* * *

די ציוניסטן האָבן לעבעדיק געמאַכט אַ טויטע שפּראַך, און די קאָמוניסטן האָבן טויט געמאַכט אַ לעבעדיקע שפּראַך.

* * *

געבענשט איז דער מענטש, וואָס ווען ער האָט ניט וואָס צו זאָגן—שווייגט ער.

* * *

פאַרוואָס רופט מען עס שפּיצן־קאָנפערענץ?

ווייל איינער דעם אַנדערן וויל איבערשפּיצן... אָדער אָפּטאָן אַ שפּיצל...

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## אַ ליטעראַרישע מסיבה לכבוד דעם 20-טן נומער זשורנאַל „חשבון"

-1960-

פרייטיק אָוונט, דעם 8טן יאַנואַר, האָט דער שרייבער־קרייז ביים זשורנאַל „חשבון" איינגעאָרדנט אַ ליטעראַטור אָוונט לכבוד דעם יאַנואַר נומער „חשבון", אין דער אינטים פיינער היים פון גאָלדע שלאָסבערג אַרפּין. חוץ די שרייבערס, באַטייליקטע אין דער שריפט, זיינען געווען אַ פיינע צאָל געסט, פריינט פון יידישן וואָרט און אונדזער פערטל־יאָר שריפט. די גאַסט־פריינדלעכע גאָלדע האָט געעפנט דעם אָוונט און איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ צום דיכטער פינטשע בערמאַן. ס'איז אויפגעטראָטן מיט אַ לייענונג פון לידער, דער דיכטער מאָטעס דייטש; מיט אַ באַגריסונג, דער נאָוועליסט נח גאָלדבערג; דער רעדאַקטאָר פון „חשבון" האָט גערעדט וועגן דעם מצב פון דער שריפט; אַ גאַסט פון אויסטראַליע, די יידיש־העברעאישע לערערין און שריפטשטעלערין, בתיה בזשאַזאַ, האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון דעם דאָרטיקן יידיש ליטעראַרישן לעבן. דער אָוונט איז געווען, חוץ אַ גייסטיק דערהויבענער, אויך מאַטעריעל אַ דערמוטיגנדיקער.

דער שרייבער־קרייז און די רעדאַקציע דריקן אויס אַ וואַרעמען דאַנק צו די געסט, באַזוכער און, אַ האַרציקן יישר־כוח צו דער ענערגיש געטרייער גאָלדע, פאַר דערמעגלעכן דעם פאַרדינסטפולן אָוונט.

## צאתכם לשלום צו די בונינס

דאָנערשטיק, דעם 10טן מערץ, האָט דער שרייבער־קרייז און דער „פינטשע בערמאַן בוך קאָמיטעט געגעבן אַן אָפּשייד אָוונט לכבוד דעם דיכטער ז. בונין און זיין ליבער פרוי יעטאַ, צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל. ביי יום־טובדיקע טישן, אין יידישן קולטור־קלוב, האָבן פריינט און קאָלעגן באַגריסט בונינען, דעם דיכ־טער און קולטור־טוער, און געוואונטשן אים און יעטאַן אַ וואַרעם־האַרציקן צאתכם לשלום און אַ געזונטן צוריקקום. ז. בונין איז אַ שטענדיקער באַטייליקער אין „חשבון" און איז דער סעקרעטאַר פון דעם פינטשע בערמאַן בוך קאָמיטעט, וועמעס בוך לידער איז איצט אין דרוק ביי דעם י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל־אביב.

אַגב, איז אונדזער בונין אויך געוואָרן איצט אַ בן־שבעים. ווינטשן מיר אים אַריכת ימים און נאָך פיל שעפערישע יאָרן.

## יעקב ניומאַן — אַ בן־ששים

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב האָט זיך דערוואוסט, אַז אונדזער חשובער פריינט, דער באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער און פּראָגראַם דירעקטאָר פון קולטור קלוב, איז געוואָרן אַ בן־ששים. איז צו אָט־דער פייערלעכער געלעגנהייט פון אַזאַ יום־טוב האָט דער קולטור קלוב באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ גאָר גרויסן ליטעראַטור און קונסט־אָוונט, אויף שבת, דעם 4טן יוני, אין זאַל פון קולטור קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס, לכבוד אונדזער פאַרדינסטפולן קולטור־דירעקטאָר, חבר יעקב ניומאַן. פרטים וועגן דעם כאַראַקטער און אנטיילנעמער אין דער קונסט פּראָגראַם פון דעם פייערלעכן יום־טוב, וועט באַקאַנט ווערן דורך דער פּרעסע און ספּעציעלע איינלאַדונגען.

## ליטעראַרישע שבת-צו-נאַכטסן אין יידישן קולטור קלוב

-1960-

שבת, דעם 9טן יאַנואַר, האָט דער באַוואוסטער יידיש געלערנטער, רבי חדש, רעפערירט וועגן שמעון פרוג און חיים נחמן ביאַליק. צביה ליבערמאַן, אַ תלמידה פון אַ. ר. שול, האָט געלייענט פון פרוגן און שמואל סיגל און יעקב ניומאַן האָבן פאָרגעלייענט פון ביאַליקן.

שבת, יאַנואַר 23, האָט משה מאַנדלמאַן, יערלעכער שליח פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, רעפערירט וועגן אונדזער באַרימטן היסטאָריקער, שמעון דובנאָוו. נעמי ניומאַן, טאַלאַנטירטע זינגערין, איז אויפגעטראָטן אין אַ פּראָגראַם פון יידישע און קלאַסישע לידער.

שבת, דעם 30טן יאַנואַר, איז אויפגענומען געוואָרן דאָס ניי־דערשינען בוך פון וויליאַם נאַטאַנסאָן: „קולטור־קוואַלן". אין דער ליטעראַרישער טייל פונעם פּראָגראַם זיינען אויפגעטראָטן: ד"ר חיים ראַטבלאַט, מאַטעס דייטש און י. פריד־לאַנד. אין דער מוזיקאַלישער טייל זיינען אויפגעטראָטן: דער באַקאַנטער בעל־מנגן, יואל גערסאָן, מיט אַ ציקל לידער, און פּיאַנע באַגלייטונג פון בערטאַ גערסאָן.

שבת, פעברואַר 5 — אַ געדענק־אָוונט פאַר דוד פּינסקי. יעקב קאַטץ, באַ־קאַנטער קולטור־עסקן און טעאַטראַל, גאַסט פון שיקאַגע, האָט רעפערירט וועגן דוד פּינסקי, זיין לעבן און שאַפן, און, חיים אַסטראָווסקי, יידיש־העברעאישער שוישפּילער, האָט פאָרגעטראָגן פון פּינסקיס שאַפונגען.

שבת, פעברואַר 13, האָט ד"ר חיים ראַטבלאַט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די גרונט פּרינציפּן פון דער תנ"כ'ישער פילאָזאָפיע." משה שול־וויס האָט פאָרגעלייענט פון ביבלישע מאָטיוון.

שבת, פעברואַר 20, ביים אָוונט פון „חודש פאַר יידישער מוזיק" איז אויפ־געטראָטן דער באַוואוסטער מנגן און פאָלקס־זינגער, שמואל קעלעמער, מיט אַ ציקל פון געקליבענע לידער פון אונדזער ליטעראַטור; ביי דער פּיאַנע, ליליען קלעס. שמחה גורעצקי, אַ מומחה אין מוזיקאַלישע ענינים, האָט רעפערירט וועגן יידישער מוזיק, און לאה גורעצקי האָט אילוסטרירט מוזיקאַלישע פּראָג־מענטן ביי דער פּיאַנע.

## דערהאַלטענע ביכער און זשורנאַלן אין דער רעדאַקציע

ב. אייזיקס: „מאמרים" הד הקבוצה. בטאון הקבוצה העברית בדיטרויט, תשי"ט. אייזיקס, 18475 ראַבסאָן סט. דעטרויט, מיש.

* * *

א. בייזער: „מיט אַנדערע אויגן" (נאָוועלע). פאַרלאַג ניו־יאָרק, 1959, 513 ז"ז.

* * *

הערץ בערגנער: ליכט און שאָטן". ראָמאַן, אַרויסגעגעבן פון הערץ בערג־נער יובל־קאָמיטעט. פאַרלאַג „יידישע נייעס" מעלבורן, 1960. 456 ז"ז.

ב. ריווקין: „יידישע דיכטער אין „אַמעריקע." פאָרוואָרט און צונויפגע־שטעלט פון מינאַ באָרדאַ ריווקין. פאַר־לאַג „יידבוך" בוענאָס איירעס, 1959, 316 זייטן.

* * *

בעריש וויינשטיין: „אַפּקלייב". יער־לעכע אַנטאָלאָגיע פון לידער פון פאַר־שידענע צייטשריפטן במשך דעם פאַר־גאַנגענעם יאָר 1959. צוזאַמענגע־שטעלט און אַרויסגעגעבן פון בעריש וויינשטיין, העפט 6, יאַנואַר, 1960, ניו־יאָרק.

# אַ גרוס פון לאָס אַנגעלעסער שרייבער אין ישראל

„טייערער פרידלאַנד:

אַ גרוס אייך פון לאַנד וואָס רעגנט מיט ליכט און טריפט מיט עקשנות און שטראַלט מיט גלויבן, און בויט און בויט און צעשפּאַרט די גבולן פאַר אירע בלאָנדזשענדיקע קינדער.

מיר קענען זיך זאַט ניט אָנאָקוקן און אָנהערן פון אַלץ וואָס איז געשען און געשעט. דאָך—ווילט זיך פאָרט אַ קוק טאָן אויף גוטע פריינט אין לאָס אַנגעלעס. ס'ווילט זיך זאָגן: גוט־וואָך אין אַ שבת אָוונט אין קולטור־קלוב, ווי איך האָב עס אָפט געטאָן.

מיין האַרציקן גרוס צום גאַנצן קלוב. שרייבט אַ בריוול. שלמה גריסט.

אייער מלכה טוזמאַן"

* * *

שרייבט י. ל. מאַלאַמוט צווישן אַנדערן:

„חשובער קאָלעגע יצחק פרידלאַנד: איך גיב דאָ אַרויס מיינע יום־טוב בלעטער. כ'האָב שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ ספר „סניטקאָוו"; איך טרעט דאָ אַרויס מיט לעקציעס, מיט רעציטאַציעס אא"וו. איך קען זיך ניט צערייסן!

עס איז מיר אַוועק אַזוי וואונדערלעך נסימדיק, אַז כ'האָב זיך בעסער ניט געוואונטשן. עס זאָל מיר נאָר ניט פאַרשטערט ווערן אַ האַרציקן גרוס אַלעמען.

שלום וברכה וכל טוב— אייער,

יוד למד מאַלאַמוט

* * *

משה ווייסמאַן שרייבט צווישן אַנדערן: „יידיש אין ישראל איז געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי די העברעאישע שרייבער." ער ברענגט אַ ציטאַט פון אליעזר שטיינבערג, העברעאישער שרייבער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רע־פעראַט אין דעם שרייבער־פאַראיין אין תל־אביב:

— איך שלאָג פאָר— האָט שטיינבערג געזאָגט — אויפצורופן העברעאישע און יידישע שרייבער און מאַכן אַ יום־כיפור און תשובה טאָן אויף די זינד וואָס מיר זיינען באַגאַנגען, העברעאיש קעגן יידיש און יידיש קעגן העברעאיש. כל זמן מיר וועלן דאָס נישט טאָן וועל מיר קיין איינציקע שפראַך נישט האָבן, און קיין פאָלק ניט זיין.

מיט גרוס צו אַלעמען — משה ווייסמאַן"

---

יעקב זינגער: דראַמאַטישע שריפטן. (11 איין־אַקטערס, 1 דראַמע). פאַר־לאַג י. ל. פרץ ביבליאָטעק, תל־אביב. בילד פון מחבר געמאָלן פון אַרטיסט ב. מלחי, לאָס אַנגעלעס. דאָס בוך איז צו באַקומען ביים מחבר: יעקב זינגער, 1124½ נ. גאָוער סט., האָליוואוד 38, קאַליפ.

* * *

יוסף רובינשטיין: „מגילת רוסלאַנד" (לידער) מיט אַ פאָרוואָרט פונם מחבר, בימים ההם... צייכענונג פון י. שלאָס און י. פיין. ציק"א ביכער פאַרלאַג תש"ד, ניו־יאָרק. דאָס בוך איז פרעכ־טיק אַרויסגעגעבן, ענטהאַלט 3 טיילן: 1—אין קלעם; 2—נע ונד; 3—רוס־לאַנד. 250 זייטן. צו באַקומען ביים מחבר אָדער ציק"א פאַרלאַג, ניו־יאָרק.

# אהרן אײַעראָף — אַ בן־שבעים

אונדזער באַקאַנטער קולטור־עסקן, אהרן אײַעראָף, איז געוואָרן אַ זיבעציקער. אַ צאָל נאָענטע פרײַנט פון די אײַעראָפס האָבן זיך מיט זײַ משמח געווען לכבוד דער פײַערלעכער געלעגנהײט, אין דער פּרעכטיקער הײם פון די חברים דזשעני און יוסף װײַנמאַן.

במשך די 36 יאָר וואָס די אײַעראָפס זײַנען דאָ תושבים האָבן זײַ זיך תמיד אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכע קולטור טעטיקײטן. זײַ זײַנען לאַנג־יאָריקע מיטגלידער פון יידישן קולטור קלוב; גרופּע „איפּבוי"; אַרבעטער רינג א. אַ.

די פאָלגענדע פרײַנט ווינטשן חבר אײַעראָף אַריכת ימים, ער זאָל צוזאַמען מיט זײַן ליבער פרוי, גאָסי, ממשיך זײַן די אַלע מעשים טובים זײַנע פאַר כלל ישראל און לטובת מדינת ישראל, עד מאה ועשרים . . .

דזשעני און יוסף ווײַנמאַן
מאַני און מאַרים פּאַרבער
ציליע און שלמה צוקערמאַן
אײַב און מיני שוואַרץ
שרה און מאַרים ווינאַרסקי
אַניוטאַ און משה לײַב קאַפּעלאָף
גאָסי און יוסף שפּיגלמאַן
אַנאַ און פּ. לערנער
ליובאַ און ש. ברײַנין
דאָראַ און פּ. לעווין
מערי און יוסף ליוואַק
מוסי און י. פרידלאַנד
אידיט און יעקב נױמאַן
גאָסי אײַעראָף, קינדער, אײניקלעך
משה און חײקע גלאַזער
סיגמאַן גרינשטײן
דזשעק אײַעראָף
ליזאַ און ווילי שאָר
ליובאַ און א. באַביטש

פעני און פינטשע בערמאַן
ט. בריים
חבר נתן אַזאַלין
גאָסי און ר. ראָזענשטײן
סײמאַן פילד
ראָוז און לואיס זעלמאַן
גאָלדע אָרפּין־שלאָסבערג
פעי און יצחק סאַפּיאַן
משה און גוטשע שולווײס
חבר און חברה הערי אײבראַמס
אײדע פײעס
רבקה טרובין
חבר און חברה מאָרים שיפּרים
חבר און חברה אברהם קראַפט
דאָקטער און מרס. אײגין
סעם און דזשאָן בלאָו
מר. און מרס. גדאַל זאַלעסקי
סאָניאַ און נחום אײַעראָף
סאָניאַ און גרישאַ אײַעראָף

## מודעה — עסײַאיסטן און בעלעטריסטן!

פאַר די צוויי בעסטע אָפּגעדרוקטע דערציילונגען אָדער עסייען, אין די יידיש־ליטעראַרישע זשורנאַלן, פון יאָר 1960, אין אַמעריקע און מחוץ; אָפּגע־קליבן פון אַ קאָמפּעטענטער זשורי; וועט דער עטאַבלירטער „י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד" אויסטיילן פּרעמיעס פון פיר הונדערט דאָלער יעדן יאָר — צוויי הונדערט דאָלער צו יעדן פון די מחברים פאַר זייערע שאַפונגען — וואָס די זשורי וועט אָפּקלייבן.

די אָפּגעדרוקטע דערציילונגען אָדער עסייען פון דעם יאָר מוזן אַרײַנקומען ניט שפּעטער פון דעם 15טן דעצעמבער, 1960, צום:

**י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד**

4375 סאָנסעט דרייוו

לאָס אַנגעלעס 27, קאַליפ.